דבֿ סדן / ירושלים

# אַ ייִנגליש בינטל

## פֿון מײַן בוך: ראָמאַנען מיט מאַמע־לשון

### א

מסתּמא האָט מען אויך מיר, בײַם וויגל, צוגעזונגען: תּורה וועסטו לערנען, ספרים וועסטו שרײַבן, אַ גוט פֿרום ייִדעלע וועסטו מערטשעם בלײַבן. בעצם, ווייס איך נישט ווער עס האָט עס געקאָנט זינגען — מײַן מאַמע, עליה השלום, איז געשטאָרבן אין דער קימפּעט; מײַן טאַטע, עליו השלום, איז געווען בײַ די זעלנער (אויך שפּעטער, אַז ער פֿלעגט אַ קאַפּ אונטערוויגן מײַנס אַ שטיפֿברודער, איז זײַן גאַנצער ניגון באַשטאַנען פֿון קוים דרײַ ווערטער: אַ, אַ, קאַלאַטשי — מיטן אַקצענט אויפֿן לעצטן טראַף); די זייגערין, וועלכער מען האָט מיך אין דער בהלה איבערגעגעבן, האָט אַפֿילו געקענט זינגען, שיין זינגען, אָבער זי האָט איר הויכן אַלט מטריח געווען בײַ די הוליאַנקעס וואָס זי האָט געפּראַוועט מיט דער קאַפּעליע פֿון די רוויטע כּלי־זמרס, אַז זי האָט נישט קיין צײַט געהאַט צו מיר און מען האָט מיך געמוזט וואָס גיכער אַרויסנעמען און איבערגעבן אונדזערס אַ קרובֿה, וואָס האָט אָקערשט געבוירן אַ מיידעלע, און זי, אַ כּשרע נשמה, האָט אַוודאי אָנגעהאַלטן דעם מינהג פֿון צוויגן און צוזינגען, אָבער, כּדרך־הטבֿע, איז איר בענטער געווען דער צופּאָס צום נוסח: אונטער שׂרהלעס וויגעלע, ווי דער צופּאָס צום נוסח: אונטער יעקעלעס וויגעלע, אַזוי אַז דער עיקר־ניגון האָט בעגאַלטן מײַן מילכשוועסטער, אָבער מסתּמא איז עפּעס פֿון דעם האַרציקן זינג־זאַנג אויך מיר צוגעפֿאַלן, אַזוי אַז עס האָט מיך פֿאָרט מחייבֿ געווען, ווי אַלע ייִדישע קינדער, און האָט מיר צוגעשאַנצט דעם זכות און דעם חובֿ צו לערנען און צו שרײַבן, און עס קומט מיר פֿיר, אַז איך האָב דעם מאַרשרוט ערלעך אויסגעפֿירט.

### ב

צי דאָס וואָס איך האָב געלערנט גייט אַקוראַט און סטריקט אַרײַן אין דורי־דורותדיקן באַגריף און טערמין: תּורה, און צי דאָס וואָס איך האָב געשריבן, גייט אַקוראַט און סטריקט אַרײַן אין דורי־דורותדיקן באַגריף און טערמין: ספֿרים, איז אַן איידעלע קשיא, וואָס איך קען נישט און טאָר נישט אויף איר אומגעקווענקלט, לײַכט און פּראָסט ענטפֿערן. יאָ, אַזוי ווי עס איז מיר, מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, באַשערט געווען צו נישטערן אין דער גענעזע און די גילגולים פֿון יענעם וויגליד, וואָס האָט אַ היפּשן אויספּרייט אויף דער ייִדיש־מאַפּע, איז מיר שווער צו ענטפֿערן צי אַפֿילו דאָס ליד גופֿא מעג זיך אַזאַ תּשובֿה דערלויבן. אמת, דער אָנהייב מיט זײַן גראַמפּאָרל: וויגעלע־ציגעלע, איז גאָר אַלט און האָט געקריגן אַ שטאַרקן באַטײַט־שינוי. (דאָס ציגעלע

איז גרונטיק אַ דימינוטיוו פֿון אַ דאַכציגל, און ערשט שפּעטער איז עס געוואָרן יענע גילדענע אָדער קלאָר־ווײַסע בהמה־דקה) ; אויך דאָס אַנדערע גראַמפּאָרל מיט זײַן פּירות־צווילינג (ראָזשינקעס און מאַנדלען) איז נישט איבעריק יונג, אָבער דאָס פּירלעצטע פּאָרל ווײַזט זיך אויס צו זײַן די קרוין פֿון דער לאַמענאַציע, און ווו אַלע קינדער ווערן בעצם פֿאַרבעטן צו זײַן רבנים, מער ווי עס קאָנסטאַטירט אַ ממשדיקן מצבֿ, דריקט עס אויס אַ נאָסטאַלגישן ווונטש. על־כּל־פּנים האָבן מסתּמא מײַנע פּאַקטישע און צוגעטראַכטע פּאַרוויגערינס געוווּסט ווי די זאַך שטייט, און ווי זי האָט זיך באמת פֿונאַנדערגעוויקלט — אַרײַנגעקומען אין אַ משפּחה, וואָס איז פֿון טאַטנס צד באַשטאַנען פֿון מגידים און שוחטים, וואָס האָבן זיך משדך געווען מיט שענקערס און סוחרים, און זענען געבליבן געטרײַ זייער חסידישן, בעיקר בעלזער, גאַנג, ווי אַ גרויסער טייל פֿון דער משפּחה איז עס געווען, און אַ קלענערער טייל איז עס נאָך עד־היום, האָט אָבער גובֿר געווען דער באַשיידענער מתנגדישער קעגנטאָן פֿון מאַמעס צד, און נאָך מער דעם טאַטנס הויכער קעגנטאָן, וואָס האָט דער ערשטער אין אונדזער ענגערער משפּחה אויסגעטאָן דאָס שטרײַמל, אין זײַן נטיה צום געמאָסיקטן משׂכּילישן שניט, און נאָך מער זײַן אַנשלוס, נאָך אין די בחורשע יאָרן, צו די לעצטע חובֿבֿי־ציון און די ערשטע הערצל־ענטוזיאַסטן, און נישט ווייניק האָבן גורם געווען זײַנע אַכט יאָר נסיעות, ווי אַ קאָמיוואָיאַזשאָר, פֿון איין עק ביזן אַנדערן עק מערבֿ־אייראָפּע, און דאָס אַלץ, און די אַטמאָספּערע אַרום, האָבן געפֿירט דערצו, אַז דאָס וויגליד איז יאָ און נישט מקוים געוואָרן, אַלץ געווענדט דערינען, וואָס מיינט תּורה און וואָס מיינט ספֿרים. ווער ס׳האָט געהאַט אָדער וועט האָבן געדולד דורכצולייענען מײַנע, לעת־עתּה, דרײַ אויטאָביאָגראַפֿישע ביכער (ממחוז הילדות, ממעגל הנעורים, עיר ואם בעיני בניה) קען, סטאַציע נאָך סטאַציע, נאָכגיין דעם דאָזיקן וועג און זײַנע אויך (און צו מאָל בעיקר) סתּירהדיקע שטעגן, און זען באַשײַמפּערלעך ווי עס האָט באמת אויסגעזען. על־כּל־פּנים איך גופֿא, ווי נאָר איך דערמאָן זיך דערינען, ווערט מיר נישט איבעריק פֿריילעך אויפֿן האַרצן, אָבער גענוג פּיטאָרעסק פֿאַר די אויגן.

ג

כּללו־של־דבֿר, נישט אַזוי לײַכט סומאַריש אַ זאָג צו טאָן : יאָ, כּמעט כּל־ימיו געלערנט תּורה, בפֿרט אַז חז״ל ברײַען : מ׳האָט דיר געזאָגט, אַז ס׳איז פֿאַראַן חכמה בײַ די גוים — גלייב ; מ׳האָט דיר געזאָגט, אַז ס׳איז פֿאַראַן תּורה בײַ די גוים — גלייב נישט. עפּעס לײַכטער איז סומאַריש אַ זאָג צו טאָן : יאָ, כּמעט כּל־ימיו געשריבן ספֿרים, כאָטש חז״ל ברײַען : ווער עס האַלט בײַ זיך מער ווי די כּ״ד ספֿרים, ברענגט אַ מהומה אין זײַן אייגענער שטוב אַרײַן. און אויב איך ענטפֿער פֿאַרט צוויי יאָען, איז עס נישט אַזוי מחמת דעם, וואָס אַן עלטערער דור וואָלט מיר געזאָגט לגנאַי : פֿע, האָסט דאָך געלאָזט די תּורה אַראָפּדעגראַדירן צו אַ חכמה און די ספֿרים צו ביכער ; און אַ ייִנגערער דור וואָלט מיר געזאָגט לשבֿח : בראַוואָ, האָסט דאָך געלאָזט די חכמה אַרויפֿאַוואַנסירן צו אַ תּורה און די ביכער צו ספֿרים ; נאָר מחמת דעם, וואָס תּורה און חכמה האָבן זיך לײַטיש געראַנגלט בײַ דער עצם חתימה פֿון די כּ״ד ספֿרים גופֿא, און דער מהלך צווישן גנזו און ביקשו לגנוז לאָזט אונדז עד־היום אַ סך קלערן און איבערקלערן.

איך זאָג עד־היום, און מיין עס נישט בלויז אין ברייטערן, נאָר אויך אין ענגערן זינען. רעדנדיק וועגן דעם מהלך צווישן גנזו און ביקשו לגנוז טאָר מען נישט לאָזן

אומדערמאָנט, אַז וואָס אַ ווײַטער דור האָט גונז געווען, איז נישט מחײַב אַ נאָענטן דור, און ווער ווייסט דאָס נישט, ווי מיר אַלע, וואָס די צוויי באַוואָרענישן פֿונעם וויגליד — סײַ פֿון אויבן (אם ירצה השם), סײַ פֿון אונטן (אַ כשר פֿרום ייִדעלע) — האָבן בײַ אונדז יאָ אָדער נישט צוגעטראָפֿן, פֿרייען זיך מיט אַיעדן געפֿינס וואָס איז נישט אַרײַן אין די כ״ד ספֿרים, און ווי מיר פֿילעווען עס, ווי אַן אויג אין קאָפּ, און מעגלעך אַז מיטן גאַנצן חילוק בין גדול לקטן און מיטן גאַנצן חילוק בין כלל לפֿרט, באַרעט זיך יעדער דור, יעדער יחיד, מיטן מהלך צווישן ביקשו לגנוז און גנזו, בעת ווײַל אַיעדער יחיד, האָט זיך, להבֿדיל בין קודש לחול, זײַנע כ״ד ספֿרים, און וואָס ער האָט אַ מאָל, אין די יונגע יאָרן אין דער מדרגה פֿון כשאָדם נער, משמע: ער איז אַ ייִנגל, גונז געווען, און האַלט עס אין דער גניזה אין זײַנע מיטעלע יאָרן, אין דער מדרגה פֿון הגדיל, משמע: איז אויפֿגעוואַקסן, איז עס נישט מחויבֿ אַזוי צו האַלטן אין זײַנע גרײַזע יאָרן, אין דער מדרגה פֿון הזקין, משמע: ער איז אַלט געוואָרן.

## ד

און פֿרווּונדיק איצט, אויף דער שוועל פֿון ואם בגבֿורות שמונים שנה מקיים צו זײַן דאָס וואָס איך האָב אויסגעברײַעט, הלכה־למעשׂה, ווײַל איך פּירויסשיקן אַז עס האַנדלט זיך אין אַ קליינער אייגענער גניזה, וואָס איז אַ מין שריד־ופּליט פֿון כּתבֿים, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויפּט אין מײַנע לערניאָרן און עס איז אויך נגזר געוואָרן צו גיין לבֿד אין מײַנע וואַנדעריאָרן. איך בין מודה, אַז דער סענטימענט מײַנער האָט געוואָלט דערהאַלטן, אויב נישט אַלץ איז אַ סך פֿון מײַנע כּתבֿים, אָבער אַזוי ווי מער ווי צוויי הענט, וואָס קענען נישט מער דזשוויגען ווי צוויי נישט איבעריקע גרויסע רענצלעך, האָט מען נישט, האָב איך די בכורה אָפּגעגעבן בריוו פֿון יחידים וואָס איך בין געווען מיט זיי באַפֿרײַנדט, און דאָקומענטן פֿון מוסדים וואָס איך בין געווען מחויבֿ אָפּצוהיטן, זענען מײַנע איבעריקע כּתבֿים, וואָס איך האָב נישט פּובליקירט, אַלץ מער אײַנגעשרומפּן. דערונטער געפֿינט זיך אַ ייִנגליש בינטל פֿון ייִדיש־לידער, וואָס איך האָב אַ טייל דערפֿון אָפּגעדרוקט און דער רובֿ איז געבליבן בכתבֿ. פֿאַר וואָס דאָס איז געשען אַזוי, איז אַ קשיא אויף אַ מעשׂה.

און אויב עס מאַכן בקיצור, איז מעשׂה שהיה כך היה: איך בין געבוירן און זיך דערצויגן אין אַ קאַנט, ווו אונדזער־איינער, וואָס האָט געהאַלטן אַז לשם מיסיע אָדער מחמת פּאַסיע דאַרף ער זיך נעמען צו דער פּען, האָט זיך געמוזט אַנטשיידן, אין וואָס פֿאַר אַ לשון זאָל ער עס מאַכן, ווײַל דער אַרום — פֿאָלק, לאַנד, מדינה — האָט אים פֿירגעלייגט אַ האַלב מנין לשונות, וואָס איינס, דאָס גרונטיקסטע, ווײַל עס האָבן עס גערעדט דער רובֿ תּושבֿים אַרום (רוטעניש) איז נישט געקומען אין באַטראַכט, אָבער פֿון די איבעריקע פֿיר לשונות איז געווען אַ פּאָרל, וואָס פֿאַר אונדז, קאַנדידאַטן, אויב נישט אויף פֿרומע, כשרע, טאָ אויף סתּם ייִדעלעך, איז עס געווען בחינת אַ געבענטשטע גזירה (לשון־קודש און מאַמע־לשון) און אַ פּאָרל, וואָס איז פֿאַר אונדז געווען אַ פֿאַרשאָלטענע ברירה (דײַטשיש און פּויליש), און ווער עס וועט דורכקוקן די ביבליאָגראַפֿיע פֿון מײַנע געפּובליקירטע חיבורים, וואָס ידידי ר׳ ג. קרעסל האָט דאַנומלט אַרויסגעגעבן, וועט זען ווי אַרום דאָס היימישע פּאָרל האָט זיך געמוזט באַמיִען כּדי צו ווערן דער בעל־הבית איבער מײַן פּען, און דאָס פֿרעמדערע פּאָרל זאָל ווערן מײַן משרת.

ה

אָבער די האַרנטע פֿון מײַן פּען, װעלכע איך האָב אַם געטרײַסטן משמש געװען, לשון עבֿרי, האָב איך אָנגעהױבן שפּעטער באַדינען, װי די איבעריקע לשונות. נאָך מער, נישט בלױז װי אַ שרײַבער, נאָר אַפֿילו װי אַ לײענער, האָב איך מיך דאָ פֿאַרשפּעטיקט — װען איך האָב אָנגעהױבן לײענען די לעבעדיקע העברעיִשע ליטעראַטור, בין איך שױן געװען אַ זעכצן־יאָריקער בחור, װאָס האָט הינטער זיך געהאַט אַ ים לעקטור אין די איבעריקע פֿיר לשונות און זײערע ליטעראַטורן. אָבער שױן מיט אַן אָנדערטהאַלבן יאָרן שפּעטער האָב איך פֿאַרגרײט מײַנס אַ בינטל העברעיִשע לידער און בין געװען פּאָכאָפּנע, צו פּאָכאָפּנע, עס אַרױסצוגעבן, דען ביז דאָס צװײ און דרײַסיק־זײַטיקע העפֿטל, װאָס האָט געהאַט אַ געניוג באַנאַלן נאָמען, צלילים (קלאַנגען) איז אַרױסגעקומען (פּשעמישל, תּרפּ״א), האָט זיך מײַן קאָנטשאַפּט מיט דער לעבעדיקער העברעיִשער ליטעראַטור און, בעיקר, איר פּאָעזיע, היפּש אױסגעברײט. אַז איך האָב געמוזט שטוינען, װי האָב איך געהאַט די העזה, מיט מײַן אָרעמער אָריענטאַציע אין איר, װי זי איז געװען פֿריִער, זיך מיט מײַנע אומצײַטיקע ערשטלינגען אַרױסצודערװעגן אין רשות־הרבים. נאָך מער, װי האָב איך עס מיר דערלױבט צו פֿאַרגרײטן אַ צװײט בינטל מיט נאָך אַ באַנאַלערן נאָמען, גלים (כװאַליעס) און דערמיט מטריח געװען יעקבֿ כהן. נײן, עס האָט מיך אױך נישט באַרויִקט ד״ר הענריק ליליען, װאָס האָט אין דער פּױלישער ציוניסטישער כװילאַ, װוּ איך האָב דעמאָלט געדרוקט איבערזעצן פֿון העברעיִשע נאָװעלן, געבראַכט אַ גאָר סימפּאַטישע רעצענזיע װעגן צלילים, און ס׳האָט מיך נישט באַרויִקט יעקבֿ כהן, װאָס האָט איבערגעלײענט די גלים און מיך, מיט זײַן פּערלדיקן כּתבֿ, אױפֿגעמונטערט, און אָנגעװיזן אױף לידער, װאָס איך מעג זײ מפֿרסם זײַן און אַפֿילו מיר געראָטן װאָס און װי עס איז כּדאַי מתקן צו זײַן. איך האָב די צלילים אַרױסגערוקט פֿונעם מאַרק (זאָג: פֿון צװײ ביכער־געװעלבן װוּ מען האָט זײ געקאָנט קריגן), די גלים האָב איך ערגעץ געלאָזט פֿאַרפֿאַלן װערן, און ערשט נאָך צען יאָר האָב איך מיך אַלײן גובֿר געװען און פֿירגעלײגט געצײלטע אַנדערע לידער מײַנע, אין לשון עבֿרי, און כאָטש זײ זענען געדרוקט געװאָרן (דבֿר, העולם), בין איך דאַרינגען געװען גאָר שפּאָרעװדיק.

ו

װײס איך נישט צי דאָס איז געװען אַ צרה, נאָר קוים יאָ, זאָגן דאָך אונדזערע חכמים: אין צרה באה לבדה, משמע: קײן שום צרה קומט נישט אַלײן, נאָר זי שלעפּט נאָך זיך נאָך אירע חבֿרטעס. און באמת איז עס אַזױ געװען — װען איך האָב געשריבן דאָס בינטל צלילים, האָב איך געשריבן בינטלעך ייִדישע לידער, און אױך פּױלישע לידער, און כ׳האָב אױך פֿאַרפּױליִשט אַן אַנטאָלאָגיע סײַ פֿון דער העברעיִשער סײַ פֿון דער ייִדישער ליריק. כאָטש איך האָב געװוּסט, אַז סײַ אין ייִדיש סײַ אין פּױליש שװים איך גיכער װי אַ פֿיש אין טײַכל, האָט דער אומחן װאָס איך האָב געװאָרפֿן אױף די צלילים מיך צוריק־געהאַלטן — עס איז געװען אַ מין טראַומאַ, װאָס איז געװאָרן אַ פּאַראַליזירנדיקער פֿאַקטאָר. ס׳האָט נישט געהאָלפֿן װאָס דער לעמבעריקער פֿאַרלעגער ישׂראל מינצער האָט זיך געאינטערעסירט מיט דער פּױלישער אַנטאָלאָגיע, און די װאַרשעװער זעצערס, קאָמעט און שוכמאַן (װאָס האָבן דעמאָלט אַרױסגעגעבן די חסידישע מעשׂיות פֿון בער האָראָװיץ) זענען געװען גרײט אַרױסצוגעבן מײַנע לידער, — מײַן פֿאָביע פֿאַר ביכלעך

האָט געטאָן אירס, און באמת, צווישן מײַן ערשטער און צווייטער ליטעראַטור־עדיציע, משמע צווישן צלילים און ממחוז הילדות זענען אַריבער זיבעצן יאָר. דערווײַל זענען מײַנע צוויי רענצלעך גאָר אײַנגעשרומפּן געוואָרן — פֿון מײַן פּוילישער אַנטאָלאָגיע זענען געבליבן צוויי־דרײַ דפּים און איך האָב זיי ערשט מיט אַכצן יאָר שפּעטער געלאָזט אין לאָדזש אָפּדרוקן; פֿון מײַנע פּוילישע לידער איז געבליבן אַן אײנציקער דף און איך האָב אים געלאָזט, מיט מער ווי פֿופֿציק יאָר שפּעטער הי אָפּדרוקן; פֿון מײַנע ייִדישע לידער האָב איך עטלעכע געלאָזט אַ סך פֿריִער אָפּדרוקן (טאָגבלאַט, פֿאָלק און לאַנד, סײַ אין וואַרשע סײַ אין לעמבעריק; ייִדיש־בײַלאַג פֿון העתיד, דער נײַער מאָרגן), און אַ בינטל איז בײַ מיר געבליבן און דאָס לאָז איך איצט גיין ברשות־הרבים, און נישט מכּוחן באַקאַנטן אויסרייד, אַז איך בין שוין אַזוי ווײַט פֿון זיי, אַז זיי קערן זיך כּמעט מיט מיר נישט אָן, דען באמת איז עס אַ כּיטרער צוגעטראַכטער אויסרייד, איך געדענק און לעב נאָך איצט איבער זייער ערשטן צאַפּל, ווי ער איז געווען; אַזוי אַז דווקא די ממשדיקע ווײַטקייט פֿון איצטיקן קריטישן זכּרון צעגייט אין אַ מין פֿינגירטער נאָענטקייט פֿון אַמאָליקן ספּאָנטאַנעם שאַפֿערישן איבערלעבעניש.

נו, נעם איך מיך אַרויסגעבן אַ מין עזבֿון מײַנעם בײַם לעבן, און ווי אַ מחבר פֿון אַ בינטל לידער, וואָס דאָס לעצטע פֿון זיי איז אַלט צוויי און זעכציק יאָר, און דאָס ייִנגסטע פֿון זיי האַלט שוין אויך בײַ זעקס און פֿופֿציק יאָר און וואָס ווייסט, אַז דאָס מזל פֿון זײַנע פֿרי־געשריבענע און שפּעט־צוזאַמענגעזאַמלטע שאַפֿונגען איז געווענדט אין חסד פֿון זײַן לייענער. און דער, איז ער גוט געשטימט, פּסקעט ער לטובֿה: דאָס געזעמל האָט אַפֿילו אַ חסרון — עס איז אַ פֿאַרשפּעטיקטס, אָבער דערפֿאַר האָט עס אַ מעלה — עס איז אַ קליינס. איז ער אָבער שלעכט געשטימט, פּסקעט ער לרעה: דאָס געזעמל האָט אַפֿילו אַ מעלה — עס איז אַ קליינס, אָבער דערפֿאַר האָט עס אַ חסרון — עס איז אַ פֿאַרשפּעטיקטס.

קליין? אַוודאי. אָבער דער מחבר דערלאַנגט אַ קליין געזעמל, צוליב אַ פּשוטן טעם — דאָס האָט ער און דאָס גיט ער. ס'איז ווי אונדזערע מאַמעס וואָלטן געזאָגט: זײַן גאַנץ ביסל אָרעמקייט. דען פּאָעזיע, סײַ העברעיִשע סײַ ייִדישע, איז אים געווען אַ פֿאַרבײַיִקע יוגנט־פֿרײַנדין, בשעת פּראָזע, צו ערשט העברעיִש און שפּעטער אויך ייִדיש, איז אים געוואָרן אַ שטענדיקע לעבנס־באַגלייטערין.

פֿאַרשפּעטיקט? אַוודאי. אָבער דער מחבר רעדט זיך אײַן, אַז די שפּעטקייט פֿון דערשײַנען ווערט אַ ביסל געמילדערט, און אַפֿילו אויסגעגליכן, דורך דער פֿריקייט פֿון דער דערשײַנונג, דען עס איז דאָך פּאָרט מעגלעך, אַז אַ יוגנט־פֿרײַנדין זאָל מיך פּאַסיק רעפּרעזענטירן. פּאַסיק, דאָס הייסט כּמעט ווערטלעך: יוגנטלעך און פֿרײַנדלעך. און דעם מחבר קומט אויך פֿיר, אַז דאָס איז אַ שטיקל דאָקומענט פֿון אַ צײַט, אַ דור. למשל: לויט דער טעמאַטיק, אידעאָלאָגיע, פֿאַקטור.

ז

דאָס עלצטע ליד וואָס האָט זיך מיר דערהאַלטן הייסט: „אויף מײַן חבֿרס קבֿר", צום זכּרון פֿון יעקבֿ שאַטלענדער. עס איז אַ הספּד אויף אַ יונגן מענטשן, אַן אויסנעמלעך זעלטענעם פּאַרשוין, וואָס האָט געהאַט אַן אומגעווײנטלעכע השפּעה אויף אונדז אַלע,

די ייִנגלעך וואָס האָבן זיך, פֿאַר דער ערשטער מלחמה, געשאַרט אַרום דעם געהיימען ציוניסטישן גימנאַזיאַסטן־קרײַז „פּרחי ציון״ און נאָך דער ערשטער מלחמה אַרום השומר־הצעיר, ווו זײַן קרישטאָלענער כאַראַקטער, זײַן ריינער גלויבן, זײַן פֿאַנאַטישע איבערגעגעבנקייט האָט אונדז ממש רעוואָלוציאָנירט, און נישט ווייניק דערפֿון וואָס מיר זענען געוואָרן, האָבן מיר אים צו פֿאַרדאַנקען. ווײַל ער, אויסגעוואַקסן אין אַ האַלב־אַסימילאַטאָרישער שטוב, יונג פֿאַריתומט, איז מיט זײַן מאַמען, דער אַלמנה, אַוועק קיין ווין, כּדי זיך דאָרטן, צווישן פּליטים ווי ער, צו דערוויסן וואָס מיינט ייִדישקייט, און וואָס מיינט זײַן אַ ייִד, — ער האָט זיך געבראָכן די צונג צו רעדן, זינגען און לייענען ייִדיש, העברעיִש, און זיך און אַנדערע דערציִען דערצו. ווען איך פֿלעג אים זען, בראָש פֿון זײַן קבוצה „לילית״, מיט זײַן צוואָקלטער טשופּרינע און זײַן דאַרן, עלאַסטישן, בייגעוודיקן געשטעל און גאַנג, און דער צעוויכערטער פּעלערינע שפּאַנען און זינגען: שאו ציונה נס ודגל, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די ווערטער זענען אַ ממש, און אַז ער, מער ווי מיר אַלע, טויג טאַקע דערצו. אָבער אין דעם מאַרש קיין ציון האָט זיך געשטעלט אַ טראַגיש, אויב נישט דאָס טראַגישסטע, קאַפּיטל גלות. נאָכן צעפֿאַל פֿון בית־האַבסבורג, זענען די ייִדן אין אונדזערע קאַנטן, מיזרח־גאַליציע, געווען ממש צווישן האַמער און קאָוואַדלע — אין רובֿ שטעט האָט געהאַט די שליטה די יונגע מערבֿ־אוקראַיִנישע (פּרעדקאַרדאָנאַיאַ) רעפּובליק, חוץ לעמבעריק, ווו עס האָט געהערשט די פּוילישע אַרמיי, וואָס אירע זעלנערס האָבן זי אײַנגענומען, און אָנגעהויבן זייער מלכות מיטן באַקאַנטן שוידערלעכן פּאָגראָם. קאַרגע צוויי יאָר האָט זיך די אוקראַיִנישע רעפּובליק געהאַלטן, און מיר האָבן, אין אַ געמיש פֿון רצון און אונס, מיטגעהאַלטן. די בעסטע ייִנגלעך אונדזערע זענען מיט דעם געשלאָגענעם חייל פֿון אוקראַיִנע מיטגעגאַנגען, און בעצם זענען זיי אַנטלאָפֿן פֿון פּוילישע פּאָגראָמשטשיקעס צו אוקראַיִנישע פּאָגראָמשטשיקעס און אַז זיי זענען בנסי־נסים צוריקגעקומען, זענען זיי וואָס גיכער אַוועק קיין ארץ־ישראל. אָבער יעקבֿ שאַטלענדער איז צווישן זיי נישט געווען. ווייטיק און קרענק האָבן אים, אין וויניצע, אָפּגעטיילט, און מיר האָבן געקאָנט בלויז אָפּריכטן אַ הספד (תּרע״ט), ווי איך ברענג דאָ זײַן אָפּגעראַטעוועטן פֿראַגמענט:

וויַט אויף סטעפּעס האָסטו דײַן קבֿר געפֿונען
אין פֿרעמדער ערד, אין פֿרעמדן זאַמד,
ווו פֿאַרזאָפּט רוען כוואַליעס בלוט,
פֿאַרגאָסן בײַ חבֿלי־משיח...
פֿאַרוואָגלט איז דײַן גוף אין אַ פֿרעמד לאַנד,
און צעאַקערט פֿון טויט
האָט דיך דער שוואַרצער מלאך געבראָכן,
אַ קרבן אויף אַ פֿרעמדן מזבח;
און ליגסט דאָרט, פֿאַרהערט אין די שעפּטן,
וואָס טראָגן זיך אַפּיר פֿון טונקעלע קבֿרים,
שעפּטן פֿון מחנות קדושים.
און ברענגט דיר דער ווינט אַ קרעכץ
פֿון נעמיראָווער ערד
און האַלט דיר אַפּיר די קינה פֿון ת״ח;

דערמאָנט דיך, אַז אַלץ איז געווען אומזיסט,
דאָס ראַנגלען זיך פֿאַר אַ פֿרעמד לאַנד — —

## ח

מער פֿון אַ פֿראַגמענט, כּמעט אין גאַנצן, האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אַן אַנדער ליד, אָן אַ נאָמען, אַ מין סיפּור־המעשׂה, אָדער אַן אַגדתא:

דער רבי שטאַרבט;
אַ דרעשטש, אַ מורא
לויפֿט דורך אַלע,
וואָס זיי גלייבן,
און דאָס לײַב עס ווערט פֿאַרגליווערט
פֿונעם ווייטיק, פֿונעם צער,
און עס הערט זיך אַ יללה,
טויזנט קרעכצן, ווילדע שרײַען,
רײַסן זיך פֿון האַרצן,
און עס בריִען אויס די ליפּצן,
פֿול מיט ייִאוש,
אָן אַ גרענעץ,
אָן אַ ברעג.
ס'שטאַרבט דער צדיק,
און די זון
באַלײַכט אים
די זילבער־ווײַסע באָרד;
און ער גאַרטלט אָן, פֿול כּוח,
זײַנע שוואַכע, מאַטע לענדן,
און ער נעמט זײַן קראַפֿט צוזאַמען,
און ער ווינקט צום אַלטן גבאי.
יענער גייט אין טעמנע ווינקל,
נעמט אַפּיר דעם קרומען שופֿר
און דערלאַנגט אים באַלד דעם רבין.
דען געקומען — זאָגט דער קדוש —
איז די צײַט פֿון ליכט און גאולה,
און עס דאַרף שוין גאָט פֿון גלות
איצט באַפֿרײַען זײַנע קנעכט.
און דאָס פֿאָלק עס דאַרף שוין גייען
דורך די כוואַליעס פֿון דעם ירדן
און עס דאַרף די זון באַגריסן
אין דעם ברייטן, פֿרײַען לאַנד,
נאָר דער זון־באַשטראַלטער משה
שטייט דאָרט אויף אַ הויכן גיפּל,
זעט דאָס לאַנד מיט זײַנע פֿעלדער,
זײַנע פֿעלדזנבערג און טעלער —
ער מוז שטאַרבן.

ס'רעדט דער רבי.
טויזנט בליקן
פֿינקלען בליקנדיק און גלאַנצן,
בליצן אין די שוואַרצע אויגן,
ס'ברענט איעדער קוק:
צו דערגרייען די כּוונה,
אין דער סודותקייט פֿאַרגראָבן
פֿון דעם טיפֿן ווערטער־תּהום...
„געקומען איז די צײַט פֿון גאולה"
אָט דער זיסער כּישוף־חלום
פֿלאַנטערט זיך אין דער מחשבֿה,
נעמט אַרום אין בלאַנקע פֿאַרבן,
צויבערגליקן פֿון אַ טרוים.
ווען עס האָבן פֿײַערצונגען
הונגעריק געברענט, געניִשטערט
אונדזער אַלטן בית־המיקדש,
און מען האָט אין אײַזנקייטן
אונדזער פֿרײַע האַנט פֿאַרקאָוועט,
און די כּלים פֿון דעם היכל,
ווײַט פֿאַרשלעפּט קיין גלות־בבֿל,
האָט דער גרויסער נבֿיא־קלאָגער,
אָפּגעראַטעוועט אַ שופֿר,
איינעם פֿון די שופֿר־הערנער,
וואָס בײַ זייער שרײַ־געשמעטער
זענען ציטערנדיק געפֿאַלן
חרובֿדיק יריחוס ווענט.
און דער שופֿר גייט דורך דורות
און באַגלייט דעם ייִד־וואַנדראָווניק
אויף די וועגן, אַלע שטעגן,
זאַפּט אין זיך אַרײַן דעם ווייטיק,

אַלע זיפֿצן, אַלע קרעכצן,
אַלע טרער־געווייקטע תּפֿילות,
און די גבֿורה, די עינויים
אויסצושטיין מיט אײַזן־כּוח
און דאָס בלוט־געברענטע בענקען,
פֿון די הערצער, שמאַרץ־געיאָטערט,
דאָס פֿאַרלאַנגען בראַנד־געבראָטן,
נאָך אַ גאולה, נאָך געזאַנג...
אַלעס, אַלעס ליגט פֿאַרקאָוועט
אין דעם קרומען, אַלטן שופֿר.
נאָר עס ליגט דאָרט שווער־פֿאַרשאָלטן,
און עס האַרט אויף דעם דערלייזער,
ער זאָל קומען און באַפֿרײַען
פֿון די קללה־אײַזן־קייטן
דעם פֿאַרפּערלט רײַכן אוצר
פֿון דעם שטאַרקן־שוואַכן פֿאָלק...
לאַנג געוואָלגערט זיך, געוואַנדערט,
צווישן ענגע ווענט פֿון חושך,
צווישן געסלעך בלוט־געטובֿלט,
ווילדע שׂריפֿות, שווערד־הריגות,
צווישן מחנות רוצחים־שוחטים,
איז דער שופֿר אָנגעקומען,
אַ ירושה פֿון די זיידעס,
צו דעם אַלטן רבינס הענט.
ליכטיק ווערט אין ענגן חדר
דען די זוניק־שיינע שכינה
האָט זיך פּראַכטיק אויפֿגעשלאָגן
איר מיט גלאַנץ געוועבטן מישכּן,
אין דעם רבינס שלאָפֿגעצעלט.
ס׳נעמט דער רבי צו די ליפּן,
ציטערדיק דעם קרומען שופֿר,
וויל פֿאַרשיקן, קלאַנג־געהעטשלט
אין דעם האַרן זײַן אַלטע ברוסט.
פֿאַר זײַן גסיסה וויל ער שענקען
זײַן שוין האַלב־געשטאָרבן לעבן,
אַז דער לעצטער שרײַ פֿון אחד
זאָל זיך ליכטיק העל צעקלינגען,
גלײַך די כוואַליעס פֿון דער בשׂורה,
וואָס צערײַסט די גלות־קייטן
און דערציילט די קנעכט פֿון גלות,
אַז געקומען איז די צײַט...

ס׳הערט זיך שטיל קול־דממה־דקה,
קרעכץ־געפֿלאָכטן, זיפֿץ־געפֿלאָנטערט,
שפּעטער אָבער, גלײַך צען דונער,
רײַסן שטאַרק זיך גיבור־קלאַנגען,
שמעטערן די אַלטע מויערן,
און פֿון אַלע טונקלע לעכער
קריכן בערדיק־אַלטע ייִדן,
שיינע, קליינע הדר־ייִנגלעך
זקנים גראָע, יונגע מאַמעס,
מיט די קינדער בײַ די בריסטן
אַלעס טראָגט זיך טלית־תּפֿילין,
די פּרוכות פֿון בית־מדרש,
און די פֿאַרמעט־ספֿרי־תּורות,
אַלעס איז צום וועג געגרייט...

פֿינצטער ווערט אין אַלע וועלטן,
שוואַרץ־פֿאַרצויגן רוט דער הימל,
נאָר אַ קליינער, דראָבנער שטערן,
זייט אַ קאָרגן קראַנץ פֿון שטראַלן,
אויף דער ערד און אירע היילן,
לײַכטן דאַרף ער פֿערציק טאָג...
עס באַווײַזן זיך צוויי בריקן,
אײַזן־האַרט שטייט פֿעסט די איינע,
און די צווייטע זײַד־געוואָרפֿן,
פֿון פּאַפּיר, אויף שטויב־געיעגן,
ס׳שטיי׳ן די עכו״ם און די ייִדן,
אָנגעגרייט צום פּרווו, צום גרויסן, —
דער נסיון הייבט זיך אָן...
פֿון דער ווײַטן גלאַנצט דער חרמון,
מיט זײַן שניי־געקרוינטן גיפּל,
ס׳שימערט בלאָלעך־קלאָר דער ירדן,
פֿאַלט מיט שירים, קלאַנג־פֿאַרשלייערט,
אין דעם זאַלץ־געווייקטן ים...
דורך דער ווײַטער, ברייטער מידבר
גייען שורותווײַז די שבֿטים,
וואַשן אָפּ די קנעכט־נשמה,
אין די געלע מידבר־זאַמדן,
פֿון דעם טונקלען גלות־שטויב.

פֿלוצעם שאַרן זיך צוזאַמען
שוואַרצע וואָלקנס אויפֿן הימל

ס׳ווערט פֿאַרשטומט דאָס קול פֿון לעבן,
און די זיבן הימלען רײַסן
דורך דעם שׂטנס פֿרייד־געלעכטער.
ס׳שטייט דאָס פֿאָלק אויף האַלבע וועגן,
שיקט אַרום די וואַנדערבליקן
אויף דעם שטיק פּרשת־דרכים,
פֿאַר די אויגן אויסגעשפּרייט.
דען געפֿאַלן איז דער שופֿר
פֿון דעם רבינס הענט גאָר דאַרע,
נישט געסטאַרטשעט האָט אים כּוח,
דעם שוין לעצטן פֿונק נשימה,
און דעם לעצטן ניצוץ לעבן
מקריבֿ זײַן די שופֿר־קלאַנגען,
אַז מרוצה זאָל דער קרבן
פֿונעם רבינס ברוסט דער דאַרער
זײַן פֿאַר שדיס כּסא־כּבֿוד...
און אַנטלאָפֿן איז די שכינה,
און דער רבי איז געשטאָרבן
און דאָס פֿאָלק עס שטייט אויף וועגן,
ווייסט נישט ווו צו גיין...
אויף דער ערד ליגט איצט דער שופֿר
בעטלט נאָך אַ ביסל רחמים:
קומט און שענקט דעם פֿאָלק ישׂראל,
נישט די אַלטע, דאַרע הערצער,
נאָר אַ יונגע, פֿרישע ברוסט...

(סטאַרע־בראָד, סיון תּר״פּ)

עס געהער נישט קיין סך מי זיך פֿונאַנדערצוקלײַבן, ווי אַרום עס האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט די אַגדתא — קודם־כּל שפּאַנט מסתּמא די השפּעה פֿון דוד פֿרישמאַנס פּאָעמע וועגן משיח, וואָס מען האָט געשמאַק געדעקלאַמירט; דערנאָך לאָזט זיך לײַכט אָננעמען, אַז דער ענין פֿון שופֿר, וואָס נישט אליהו הנבֿיא, נאָר אַן אַלטער רבי, בלאָזט אים און דערבלאָזט נישט, גייט אויך, מעשׂה גילגול, פֿון דאָרט, און האָט זיך אפֿשר, אַפֿילו באַוווסט, אי בײַגעשטעלט אי אַנטקעגנגעשטעלט דעם גאָלדענעם האָרן פֿון יענעם חם אין וויספּיאַנסקיס וויזיע, וועסעלע (די חתונה), בפֿרט אַז סטאַניסלאַוו בזשאָזאָווסקיס בוך לעגענדאַ מלאָדעי פּאָלסקי (די לעגענדע פֿון יונג־פּוילן) האָט געהערט צום כּמעט אָבליגאַטאָרישן לעקטור־באַגאַזש אין השומר־הצעיר; אַ קאָפּ קלאָר און מער פֿאַרנעפּלט האָט זיך געשאַפֿן אַ מין אַסאָציאַציע צווישן זייער גאולה־פּיאַסקאָ און אונדזער גאולה־פּיאַסקאָ. פֿאַר וואָס און ווי אַרום איך האָב מיר אויסאימאַגינירט אַ רבין, פֿאַר וועלכן איך האָב נישט געהאַט קיין פּירבילד; דען די רביים אין אונדזערע קאַנטן זענען געווען די מסופּקדיקסטע קאַנדידאַטן דערצו, — אָבער דער חסידות־קולט, וואָס האָט געווייט אין ליטעראַטור און געדאַנק, האָט זײַנס געטאָן. אַוודאי האָט דאָ נישט געקאָנט האָבן אַ האַנט נישט דער איינער גרונט־טיפּ פֿון אַ רבין אין צפֿון פֿון אונדזערע קאַנטן — דער בעלזער רבֿ, וואָס איז געווען אַ פּליט אין מונקאַטש, און האָט געהאַט אויסצושטיין נגישות פֿון דאָרטיקן רבין און געקלערט צוריקצוקומען; און נישט דער אַנדערער גרונט־טיפּ פֿון אַ רבין אין דרום פֿון אונדזערע קאַנטן — דער טשאָרטקעווער רבי איז געווען אַ פּליט אין ווין, און חוץ אויף אַ יאָרצײַט נישט געקענט צוריקקומען. אַוודאי איז געווען אַ חילוק צווישן די ביידע גרונט־טיפּן און זייערע חסידים — בײַם ערשטן זענען ציונים אין אַלע זייערע סאָרטן געווען בפּירוש אַ לאַוו גמור, בײַם צווייטן האָבן לפּחות די פֿרומערע זוכה געווען ברמז צו אַ פּיצל הן. נו, און דער פֿריִערער, משמע דער ערשטער טשאָרטקעווער, האָט דאָך געזאָלט זײַן משיח און זיך באַוויזן אין יאָר פֿון דרײַ זעקסן (תּרס״ו), בווין, האָט מען אים ערבֿ־גאולה־יאָר אַוועקגענומען. און איך דערמאָן דאָס, ווײַל גאָר מעגלעך אַז זײַן געשטאַלט האָט מיר אַ פּלימער געטאָן צו באַשײַנען מײַן אימאַגינירטן רבין.

אַזוינס און ענלעכס וואָלט איך געקאָנט דערמאָנען לגבי דעם ליטעראַרישן אייבער־בוי פֿון דעם פּען־פּראָדוקט, אָבער סוף־סוף וואָלט עס נישט געווען מער ווי אַן אַנאַליז פֿון אָנהייבערישע נאָטן פֿאַר עפּעס, וואָס האָט געוואָלט זײַן מער ווי אַ סקאַרבאָווער ניגון. און אויב עס איז אין אַ גאַר־גאָר מינימאַלער מאָס געוואָרן, איז עס מכּוח דעם אידעיִשן אונטערגרונט, וואָס האָט מיר דעם אייבערבוי, דעם פּאָעמע־פּרווו, דיקטירט. און כּדי דאָס קלאָר צו מאַכן, וואָלט איך געדאַרפֿט, אויפֿן גרונט פֿון אַן אויטאָביאָגראַ־פֿישער רעקאָפּיטולאַציע, דערציילן, ווי האָט זיך דעמאָלט גענומען אויספּיקן מײַן געדאַנקען־וועלט, וואָס האָט באַשטימט מײַן גאַנג אין לעבן. דאָס וואָלט זיך גענייטיקט אין אַ לאַנגן טראַקטאַט, וואָס זײַנע עיקר־קאַפּיטלעך זענען צעוואָרפֿן אין מײַנע ביכער, אָבער פֿאַרן פֿאַרשטענדעניש פֿון דער געבראַכטער אַגדתּא, איז גענוג אַ באַמערק, אַז זי איז אויסגעוואַקסן פֿון אַ היסטאָרישער און אַקטואַלער סיטואַציע, ווו דער גורל פֿון אונדזער פֿאָלק האָט געהאָנגען אויף משקולת, און דאָס אַ סך שאַרפֿער און גרויזיקער, ווי עס איז געווען אין די לעצטע צוויי־דרײַ דורות, וואָס האָבן האָלט געהאַט צו זינגען אַ לידל און יוצא זײַן מיטן זינגען. עס איז דער גאָלדפֿאַדענישער קופּלעט: „קום, קום ישׂראליקל, אַהיים אין דײַן אייגן לאַנד [נוסח אחר: אין דײַן פֿאָטערלאַנד], צו גיין / קום ישׂראליק, רעד קיין סך / ווער אַ פֿאָלק מיט פֿעלקער גלאַך [גלײַך] / קום ישׂראליק טאַטע, קום אַהיים”. הײַנט, ווען מיר ווייסן אַז מיט דער כוואַליע פֿון פּאָגראָמען, וואָס האָט זיך דעמאָלט אויסגעגאָסן אַרום אונדז, האָט זיך בעצם אָנגעהויבן אונדזער חורבן, וואָס האָט אַ דריטל פֿאָלק פֿאַרטיליקט, פֿאַרשטייען מיר אויך די דרײַ ווערטער פֿונעם פּרימיטיוון לידל: „רעד קיין סך”, און פֿאַרשטייען דעם חטא פֿון רעדן און בלויז רעדן אַ סך, כּדי צו פֿאַררעדן דעם גזר און אויסדרייען זיך אומצוקערן אַהיים, בעיקר אין דער קורצער צײַט, איידער דער פּאָגראָם אין יפֿו איז געוואָרן אַ מין המשך פֿונעם פּאָגראָם אין לעמבעריק און אין פּראָסקוראָוו, ווען די טויערן פֿון אונדזער לאַנד זענען געווען פֿרײַ און אָפֿן, אָבער דאָס פֿאָלק, בנערינו ובזקנינו, איז נישט געקומען.

דאַכט זיך, אַז שוין דעמאָלט האָט זיך מיר בעיקר, מכּוח דער השפּעה פֿון אַבֿרהם קאַרקיס, שלמה שילער, אַבֿרהם שוואַדראָן (שרון) — אויסגעקלאָרט יענער ציוניזם וואָס האָט אין ציון, ווי אַ ראַפּיד ממשות, דאָס ראַפּידסטע ממשות, געזען דעם איינציקן, אָק־טואַלסטן, תּיכּפֿדיקן וועג, און דאָס האָט מיך געטריבן צו אַ ריס מיט כּמעט אַלע ציוניסטן, וואָס האָבן געזען דעם המשך און סוף פֿון זייער לעבן, ווו זיי זענען געווען, און האָבנדיק אַ סך צײַט, האָבן זיי עובֿר געווען אויפֿן לאַוו: רעד קיין סך.

איך דערמאָן בלויז די ציוניסטן און נישט די אַציוניסטן און אַנטיציוניסטן, — מיט זיי (וואָס זענען, אַגבֿ, אין אונדזערע קאַנטן געווען און געוואָרן אַלץ מער אַ מיעוט) האָב איך נישט קיין וויכּוח, דען יעדער וויכּוח וואָלט דאָך געווען אַ ברכה לבֿטלה.

ט

אָבער צוריק צו די צוויי יוגנטלעכע, אַפֿילו קינדערשע, לידער מײַנע, כּדי צו באַמערקן, אַז דער המשך זייערער איז געווען אין אַ דראַמע, וואָס האָט געהייסן: חבֿלי משיח, און וואָס איך האָב זי נישט אָפּגעהיט. אָבער איך האָב שוין דערציילט וועגן איר אין מײַן מאמר וועגן מאיר בינענשטאָק, צו וועמען איך האָב זי ווי צו אַ פּוסק־ראשון און פּוסק־אחרון געבראַכט (זע אין מײַן בוך אבני זכּרון תּשי״ד, זז׳ 98—110). „דער צוג — שרײַב איך — וואָס האָט מיך געפֿירט קיין לעמבעריק, איז געווען אָנגעפּראָפּט

מיט פֿאַסאַזשירן, ס׳רובֿ פֿון זיי שמוגלערס, און עס איז מיר געבליבן בלויז אַ שטייווינקל. און וואַקלענדיק זיך האָב איך זיך אַרײַנגעקלערט אין יענער דראַמע, צי זי איז ראָוי צי נישט ראָוי, איך זאָל מטריח זײַן אַזאַ וואָגיקן דיין. ראשית, די אידעע — דער אַטאַק אויף אַ גײַסטיקן באַנעם פֿון ייִדן־פּראָבלעם און אַ גאולה, וואָס זאָל קומען מצד אַן עליטע פֿון פֿאָלק, און צוליב איר, אין נוסח פֿון אַחד־העם וכדומה; שנית, צי די האַנדלונג, וואָס איז געווען אַ לבֿוש פֿון דער דראַמאַטישער אַקציע — אַ ייִדישע קהילה וואָס ס׳האָט זיך אויף איר אויסגעגאָסן אַ פּורעניות פֿון פֿײַער און שווערד, קהל אַנטלויפֿט אין דער אַלטער שול, ווײַל זיי האָבן בקבלה, אַז אויב מען וועט נאָר עפֿענען אַ ספֿר־תּורה און אויסשפּרייטן אַ טלית, איז ווער עס וועט שטיין אונטער דער דאָזיקער חופּה, וועט פֿאַרשריבן ווערן צום לעבן; האָט זיך אַנידערגעשטעלט דער רבֿ און גערופֿן אונטער דער חופּה אַלע למדנים פֿון שטאָט און זיי האָבן זיך צוזאַמענגעקוועטשט און געשטאַנען, בשעת דער איבעריקער ציבור האָט אָנגענומען די גזירה, וויסנדיק אַז דער זכות פֿון בני־תּורה איז בילכער; אָבער נישט אַזוי חבֿרה בעלי־מלאכות, און די טרעגערס בראָש, וואָס האָבן דערצו נישט מסכּים געווען און האָבן געשריגן: מיר זענען אויך ייִדן. זיי האָבן זיך גענומען שטופּן און האָבן אויפֿס כּוח אָנגעכאַפּט די שפּיצן פֿון טלית, און עס האָט זיך צעזאָטן אַ מחלוקת. לסוף איז דער טלית צעריסן געוואָרן און די פּאַגראָמשטשיקעס זענען אַרײַן אין שול און האָבן אַלעמען אויסגעקוילעט. שלישית, די פֿאָרעם פֿון דער דראַמע און אירע מיטלען — די ריטמישע שורות האָבן ווייניקער געטראָגן סימנים פֿון אַ היימישער, אינעווייניקסטער השפּעה, און מער פֿון אַ פֿרעמדן, דרויסנדיקן רושם. ערשט שפּעטער האָב איך מיך געכאַפּט, אַז מײַן אומצײַטיקער פּרווו איז אַן אומבאַוווסטע אימיטאַציע פֿון דראַמאַטישע געבײַען אין אונדזער ליטעראַטור, אָנגעהויבן פֿון די גאָלדענע קייט, בײַ נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק, פֿון י.־ל. פּרץ און געענדיקט מיט אַ חתונקע פֿון משה בראָדערזאָן. אָבער ווײַזט אויס, אַז די אַטמאָספֿער וואָס האָט אַרומגעשוועבט, און איר בלאָז האָט מיך דערגרייכט אין פֿאַרשיידענע, פֿאַרמיטלערישע רייען, האָבן מיר געבראַכט דעם ריטעם פֿון יענע וויזיאָנערישע שאַפֿונגען, דען אויב נישט, וואָלטן מיר שפּעטער נישט געקאָנט דערקלערן דעם כּלל־גײַסט און די אויספֿיר־פּרטים פֿון מײַן דראַמע. אַזוי שפּעטער, אָבער ווען איך בין געשטאַנען אין וואַגאָן־ווינקל, און געקלערט וועגן מײַן כּתבֿ־יד, האָב איך געוווּסט בפֿירוש, אַז די השפּעה וואָס האָט אויף מיר געהאַט די מאָדערנע פּוילישע פּאָעזיע אין גײַסט פֿון עקספּרעסיאָניזם, האָט זיך דאָ באַהעפֿט צו ייִדישע פּראָבלעמען, ווי זיי האָבן אויפֿגערודערט די חבֿרה יונגוואַרג אין וועלכער און מיט וועלכער איך בין אויסגעוואַקסן”.

אין מײַן איצט דערמאָנטן מאמר באַשרײַב איך דאָס באַגעגעניש מיטן ד״ר מאיר בינענשטאָק, וואָס דער זיווג פֿון זײַן טאָפּלהאָרביקער געשטאַלט און זײַן גראַנדיאָזן גײַסטיקן האַביטוס האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומפֿאַרגעסלעכן רושם. זײַן זאָג: גוט, לאָז דאָ איבער דעם מאַנוסקריפּט, איך וועל לייענען און דיר שרײַבן; דאָס קאַרטל זײַנס וואָס איך האָב צוויי טאָג שפּעטער באַקומען בײַ מיר אין דאָרף און ווו ער האָט מיר מודיע געווען, אַז ער האָט מיט אינטערעס געלייענט מײַנע געזאַנגען, געזען אַז כאָטש זיי פֿאַרווײַזן אויף אַ פּאָעטיש געפֿיל, זענען זיי נאָך נישט אין גאַנצן דרוקרײַף. איך האָב עס איבערגעלייענט און נישט געקאָנט אַנטשיידן צי מיינט ער אַזוי בפֿירוש, אָדער עס איז אַ מין זיס הײַטל פֿאַר אַ ביטערער פּיל. בעיקר האָבן מיך צעמישט די צוויי ווערטער: „אײַערע געזאַנגען”, און ס׳איז בײַ מיר אויסגעקומען, אַז מסתּמא האָט

אַן אַנדערער בחור אים געגעבן אַ בינטל לידער, און ער האָט געענטפֿערט אים, וועגן מײַן דראַמע און מיר, וועגן זײַנע לידער, און האָב בעצם נישט געוווּסט, צי לויט זײַן אָפּשאַץ, קומט מיר אַ בעסערער אַטעסטאַט פֿון דעם וואָס איז באַשטימט פֿאַרן בעל־הלידער. איך האָב געפֿונען אַן אויסרייד, זיך נאָך אַ מאָל מיט אים צו זען: וואָס וועל איך אים מטריח זײַן מיט אָפּשיקן מיר מײַן כּתבֿ־יד, ער זאָל עס דאַרפֿן אַרײַנלייגן אין אַ גרויסן קאָנווערט, שרײַבן דעם אַדרעס און אַליין גיין, אָדער שיקן זײַן ייִנגל, אויף דער פּאָסט, הלמאַי וועל איך עס אַליין אָפּנעמען. אין מײַן דערמאָנטן מאמר באַשרײַב איך אויך דאָס צווייטע באַגעגעניש, און זײַן אינטערעסאַנטן שמועס; און וועל דאָ בלויז דערמאָנען וואָס ער האָט געזאָגט וועגן מײַן כּתבֿ־יד: מײַן ליבער יונגער־מאַן, איר האָט געשריבן וואָס איר האָט געשריבן — די אידעע איז אַן אידעע, די שפּראַך — אַ שפּראַך, דער ריטעם — אַ ריטעם, כאָטש שווער צו זען וואָס איר זעט דערינען, אַ דראַמע, דען וואָס קאָן איך טאָן, אַז די רשעים וואָס האָבן באַשטימט די רעגלען פֿון אַ דראַמע, האָבן זיך פֿאַרעקשנט און אויף איר גוזר געווען אַז זי איז מחויבֿ צו האָבן אויך פּערסאָנאַזש און האַנדלונג. עס איז נאָך געווען אַ המשך וועגן דער פֿילשפּראַכיקייט פֿון ייִדן־שרײַבערס, וואָס שרײַבן פֿאַר ייִדן, און איך האָב אויך דעם המשך געבראַכט, וויל אָבער דאָ בלויז איבערחזרן דעם סוף־פּסוק זײַנעם: הערט וואָס עס זאָגט אײַך איינער, וואָס האָט מער נסיון פֿון אײַך — די דאָזיקע כּלומרשטע ווירטואָזקייט פֿון טאַנצן אויף זיבעציק חתונות און זינגען אין זיבעציק לשונות, איז נישט קיין עשירות, עס איז אַ דלות, עס איז אַן אומגליק.

אַזוי ווי אויך אין דער דראַמע איז פֿאַר מיר געווען דער עיקר ווייניקער אין ליטעראַרישן איבערבוי און מער אין אידעיִשן אונטערבוי, בין איך נישט געווען אומגליקלעך פֿון בינענשטאָקס תּשובֿה, און אין האַרצן געהאָפֿט, אַז דער אויסגלײַך, דער צוזאַמענקלאַנג, די האַרמאָניע צווישן אונטערבוי און איבערבוי וועט פֿריִער אָדער שפּעטער קומען. אַזוי ווי איך האָב אָבער דעם מאַנוסקריפּט נישט אָפּגעהיט, האָב איך נישט געקאָנט בודק זײַן, מעג איך צי זאָל איך מיך דערצו אומקערן.

י

באמת האָב איך מיך אומגעקערט, אָבער בעיקר אין אידעיִשן איבערבוי — און דאָס געהער מער צו מײַן טאָן ווי צו מײַן שרײַבן. און וואָס שייך שרײַבן — האָב איך מיך דערוועגט צו טאָן, פֿון וואָס איך האָב מיך פֿריִער צוריקגעהאַלטן — זוכן אַ בלאַט וואָס וועט מיך פּובליקירן, קודם־כּל ווי אַ מתרגם אין ייִדיש, ווי עס האָט לגבי מיר ווי אַ מתרגם פֿון פּויליש געטאָן די כוואָלאַ. דער פּשוטסטער אַדרעס איז געווען דאָס בלאַט, וואָס איך האָב נאָך געלייענט ווי אַ קינד, ווײַל דער טאַטע מײַנער איז געווען זײַן שטענדיקער אַבאָנענט — דאָס לעמבעריקער טאָגבלאַט. עס איז געווען אַ ליד לויט מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ, מעגלעך צום צענטן יאָרצײַט אירן. די סימפּאַטיע פֿאַר איר וואָס איז געווען שטאַרק, ווי עס באַווײַזן אויך די איבערזעצן — אַבֿרהם רייזען אין ייִדיש, זשאַבאָטינסקי אין העברעיִש, איוואַן פֿראַנקאָ אין אוקראַיִניש, — האָט אפֿשר געליטן נישט אַזוי מחמת איר ליד, „ניע דאַמי ז׳יעמי״ (מיר וועלן נישט געבן די ערד) איז געוואָרן אַ הימנע, אַפֿילו די הימנע, נאָר מחמת אירע זינגערס — די פּוילישע, פּויזנישע זעלנער, וואָס האָבן אײַנגענומען די שטעט אַרום אונדז און ווילד געפּײַניקט ייִדן, אָבער

איר וואַרעמער זכּרון האָט גובֿר געווען. דערצו האָט נאָך פֿאַרהאָלפֿן, וואָס איך האָב מתחילה דאָס ליד באַטראַכט ווי אַ פֿרעמדן משל צו אַן אייגענעם נימשל.

וואָס קען העלפֿן מיר און געבן
פֿרעמדע ערד און פֿרעמדע ימען,
ווען עס איז מיר מײַן גאַנץ לעבן
צוגעוואַקסן דאָרט צוזאַמען
ווו מײַן אַלטע שוועל!

ס׳זעען דײַנע מאַטע בליקן
שיינקייט פֿון אַ פֿרעמדן הימל,
די נשמה־אויגן קוקן
לאָנקעס אָן און וואַלד־געטומל,
זילבער־פֿעלדער־טוי!

וואָס קען שיינקייט פֿרעמדע שענקען,
ווען עס זיפֿצט אַ קרעכץ אין האַרצן
ווו עס גליט אַן אייביק בענקען,
צו דעם אַלטן דאַך דעם שוואַרצן
בײַ דעם ווײַטן וועג!

גייסט דורך מאַרמל־רײַכע גאַסן,
אַ פֿאַרבענקטער נאָך די טײַכן,
נאָך די וואַסער, וועלכע רײַסן,
אין אַ שטראָם אַ פֿאַרבן־רײַכן
דורך דעם פֿעלדער־וועג!

קענסט דורך לענדער, ימען שווימען,
ועסט די היים נישט אָפּפֿאַרבענקען,
דאָס פֿאַרטראַכטן נישט באַקומען
וואָס עס פֿלעג די היים דיר שענקען,
דר׳אַלטער בינענשטאָק!

ווען דו הערסט אויף פֿרעמדע צווײַגן
פֿון דער היים אַ פֿויגל קלינגען,
צווישן ווענטלעך פֿיר, וואָס שווײַגן,
הייבסט אַ חלום אָן צו זינגען
וואָס און ווי ס׳איז דאָרט!

אַזוי איז געווען מײַן ייִדיש־סטאַרט, נישט דער געשריבענער, נאָר דער געדרוקטער. אַז איך האָב אין אים געזען אַן אָפֿענעם פֿרעמדן משל צו אַ היימישן באַהאַלטענעם נימשל, באַווײַזט דאָס קומענדיקע ליד, וואָס איך האָב געשיקט, שוין חוץ לגאַליציע, קיין וואַרשע אין פֿאָלק און לאַנד, ווו עס איז כּמעט תּיכּף געווען פּובליקירט (8טער אַפּריל 1922) און הייסט „כּותל מערבֿי״, וועלכן איך האָב מיט מײַנע אויגן נאָך נישט געהאַט געזען, נאָר זיך אויסגעמאָלן, למשל אַזוי צו זאָגן:

שפּינוועבס אויף דער אַלטער מויער,
אַלטע קרעכצן, אַלט געוויין —
און אַ הויפֿן גראָען טרויער
וואַלגערט זיך אויף יעדן שטיין.

קומט אַ מאָל די גסיסה שטערן
אַ צעבראָכן אַלטער ייִד,
לאָזט אַראָפּ די מויער טרערן,
אַלט און קאַלט און שווער און מיד.

אײַנגעהילט אין גרײַזע יאָרן
שלאָפֿט אַ טויטע שטומע וואַנט,
אַלעס איז שוין אָפּגעפֿאָרן,
סײַ דער לויב און סײַ די שאַנד.

דאָך דערציילן יונגע ספֿרים:
קומען וועלן יונגע הענט,
קומען וועלן יונגע אָרעם
אויסצובויען נאָך דרײַ ווענט.

## יא

בעטן זיך דאָ פֿיר באַמערקן. ערשטנס, האָב איך נישט געוווּסט ווער דער רעדאַקטער איז געווען. געשיקט האָב איך עס אויפֿן נאָמען יוסף לוי, וואָס איז געווען געצייכנט ווי פֿאַרענפֿערטלעך פֿאַרן וואָכנבלאַט. נאָך דרײַ יאָר, ווען איך האָב געוווינט אין וואַרשע, האָב איך זיך נאָכגעפֿרעגט נאָך אים, און זיך דערוווּסט, אַז ער וווינט גאָר אין לאָדזש, און זײַן חתימה איז בלויז פֿאָרמאַל. ערשט נאָך יאָרן האָט מיר יצחק לופּבאַן, דער לאַנגיאָריקער רעדאַקטער פֿון הפּועל הצעיר, ווו איך האָב מיטגעאַרבעט, געזאָגט, אַז ער איז עס געווען, וואָס האָט דאָס ליד אָפּגעדרוקט. צווייטנס, דאָס ליד גופֿא איז נאָך יאָרן אַריבער אין אַ גרעסערן רשות — מרדכי יפֿה האָט עס, צוזאַמען מיט נאָך דרײַ לידער מײַנע, אַרײַנגענומען אין זײַן אַנטאָלאָגיע (ארץ־ישׂראל אין דער ייִדישער ליטעראַטור, 1961, זז׳ 270—272). דריטנס, ווען דער כּותל־מערבֿי איז, אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, צוריק אַריבער אין אונדזער רשות, האָט עס אַבֿרהם ליס געלאָזט לייענען אין דער ייִדישער ראַדיאָ־שעה, און ווען איך בין געווען אין בוענאָס־אײַרעס, און קעהאָס קליגער האָט געוואָלט יוסט מזכּה זײַן מיט מײַנס אַ ליד די לייענערס פֿון דאָרטיקן קינדער־בײַלאַג, האָט ער עס געלאָזט אָפּדרוקן, און אַזוי ווי דעמאָלט האָט זיך פֿאַרשפּרייט די ידיעה וועגן אַ שׂרפֿה אין אל־אַקצה־מעטשעט, איידער עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס האָט געטאָן אַ סכיזאָפֿרענער גוי, האָט מען פֿונעם איבערדרוקן מײַן ליד געהאַט אַ שטיקל עגמת־נפֿש. פֿערטנס, איך קען מיך בפֿירוש דערמאָנען, אַז שרײַבנדיק דאָס ליד, האָב איך זײַן סוף־שורה נישט באַטראַכט פּשוטו־כּמשמעו — פֿאַרקאַטשען די אַרבל און זיך קודם־כּל נעמען צו די דרײַ ווענט, און מסתּמא האָבן עס לופּבאַן, אַבֿרהם ליס, קעהאָס קליגער אויך אַזוי פֿאַרשטאַנען — דער ערשטער האָט, בשעתן כּותל־סיכסוך, מיט זיבן יאָר שפּעטער, געשריבן, אַז נישט אַלץ קענען מיר אויספֿירן און פֿאַראַן אויפֿטוען, וואָס מיר דאַרפֿן איבערלאָזן פֿאַר משיחן, ער זאָל נישט בלײַבן אָן אַ שטאָך אַרבעט. און דאָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן גלײַך, אַפֿילו ווען איך האָב געדענקט, אַז די עצם מעגלעכקייט פֿון אַ שיבֿת־ציון־רעאַליזאַציע, אין רעם פֿון דער ייִדישער אמונה, האָט זיך גענומען פֿון אַ גאולה־לייטער, וואָס זײַן ערשטער שטאַפּל איז געווען חידוש־הקרבנות, וואָס קען אָבער מוז נישט זײַן אויפֿן הר־הבית און וואָס דער המשך פֿון דער רעליגיעזער חיבת־ציון האָט זיך ווי אָפּגעווענדט פֿון איר (דער ספֿאָראַדישער אומקער, בעיקר מצד הרבֿ קוק איז אָן ענין פֿאַר זיך) און דער סעקולאַרער ציוניזם האָט זיך צו איר נישט צוגעווענדט. ווי אַזוי עס האָט זיך מיר מאַניפֿעסטירט דער כּותל, נישט אין מײַן אימאַגינאַציע איידער איך האָב אים געזען, נאָר ממש ווי איך האָב אים, מיט דרײַ יאָר שפּעטער געזען, לאָזט זיך אַרויסדרינגען פֿון מײַן סאָנעט „ירושלים״, געשריבן אין זכרון־יעקבֿ (געדרוקט אין דעם וואַרשעווער העתיד, וועלכן איך האָב פֿריִער דערמאָנט, אין דעם ייִדיש־בײַלאַג, אָבֿ תּרפּ״ו):

אַ קלויסטער־אײַן, אַ קלויסטער־אויס,
שפּאַנסטו אַ גאַנצע שטאָט אַרום,
און גאַסן לויפֿן שמאָל און קרום,
און פֿרעגסט בײַ זיך: דאָס איז עס בלויז?

אַ לעבן גלײַך, וואָס פֿול פֿון פּײַן,
שלעפּט אויסגעהוילטע בעטלערטריט,
אַ פֿרענק־בוכאַר־תּימנער ייִד,
צום כּותל צו: אָט, קלאָג און וויין!

דו ביסט נאָך יונג און וויינסט מיט אים,
און אָן כּוונה, סתּם אַזוי,
כאַפּט זיך אַרויס דיר: א־ל־הים.

דו ווערסט צוויי הענט צו תּפֿילה גרייט
און דאַוונסט: טאַטעניו, אוי——אוי——
פֿון הונדערט קלויסטערגלעק באַגלייט.

אַוודאַי האָב איך געוווּסט ווי דער כּותל האָט אויסגעזען אין די אויגן פֿון אַחד־העם (ארץ כי תחרב וכו׳, עם כי יחרב וכו׳), פֿון י.־ח. ברענער, פֿון אַנדערע, אָבער איך האָב אים געפּרוּווט זען ווי עס האָט געזען אַ פֿריִערהדיקער דור — מײַן עלטער־זיידע, ר׳ יאָשי, וואָס האָט אין ירושלים אָפּגעלעבט זײַנע לעצטע טעג און האָט יעדע נאַכט אין דעם עלנטן און שמאָלן געסל, וואָס איז געבליבן פֿון אונדזער גאַנצער פּראַכט, אָפּגעריכט חצות, און האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אַלטע מידע אויגן צום הימל: עד מתי, — בשעת איך האָב אָנגעשפּיצט די אויערן און נישט געהערט ווי און וואָס עס זינגט דער מועזין פֿון מלכות־ישמעאל, נאָר ווי עס קלינגען די גלעקער פֿון מלכות־אדום, און זיי האָבן מיך ווי צוריקגעבראַכט קיין קראָקע, ווו איך בין געווען מיט צוויי יאָר צוריק, און מחבר געווען אַ ליד, וואָס איך ברענג עס ערשט איצט לרשות־הרבים:

רוט נאָך אַ נעפּליק־פֿאַרשטומטער פֿרימאָרגן
איבער די צאַקיקע טורעמס פֿון שלעסער,
ס׳איז זיי אַ פּנים אי גרינגער אי בעסער,
ליגן אין שאָטן פֿון דורות פֿאַרבאָרגן.

גילדענע צלמים אויף קאַרקעס פֿון דעכער,
גראָע מאַנאַכן אין שוואַרצע כאַלאַטן,
שאָטנס פֿון ברייטע און ווילדע מאַגנאַטן,
גלעקער צעקלונגענע העכער, אַלץ העכער.

גלוסט זיך סתּם אָפּשטעלן, גלאָט פֿון דער ווײַטנס,
קוקן אויף קלויסטער־צעדאַוונטע טויבן —
פּלוצעם שפּראַצט אויס אויף געמאָלענע שויבן
שטיל דעם רמ״א ז״לס אַן אויג פֿון פֿאַר צײַטנס.

יאָ, דעם סאָנעט וועגן ירושלים האָב איך געשריבן אין זכרון־יעקבֿ, ווו איך בין כּמעט טאָג־טעגלעך געקומען פֿון בנימינה — דאָ און דאָרט זענען געווען טיילן פֿון קיבוץ עליה א׳ (גאַליציע) וואָס האָט זיך תּחילת דאָ באַזעצט, כּדי שפּעטער צו וואַנדערעווען קיין הרצליה, פּתח־תּקוה, בני־ברק, האָט זיך אָבער דאָ מיט זײַן באַזונדערן כּישוף פֿון נאַטור און פּייסאַזש אונדז אײַנגעקריצט ווי דאָס טיפּסטע איבערלעבעניש פֿון דעם אומקער אַהיים. זע דערוועגן מײַן מאמר: „שלושה ביקורים ומה שביניהם״ — דבֿרים במסיבה, קיבוץ עין־שמר, טײַטש: דרײַ באַזוכן און וואָס איז געווען דערצווישן — ווערטער בײַ אַ מסיבה אין קיבוץ עין־שמר, כ׳ טבֿת תּשכ״ג (אַרײַן אין מײַן בוך בלשון מדבר בעדו, תּשל״ב, זז׳ 74—90). איז עס נישט קיין חידוש, אַז איך האָב דאָרט, אין שומרון, געשריבן דרײַ ייִדיש־לידער, און זיי זענען די לעצטע וואָס איך האָב בכלל געשריבן, און ברענגענדיק זיי דאָ, דערלויב איך מיר צו באַמערקן, אַז זיי גיבן אפֿשר איבער די שטימונג, אָבער זענען בלויז אַ בלאַסער אָפּהילך פֿון דעם אויפֿברויז. דאָס ערשטע איז געדרוקט אין שכנות מיטן ירושלימער סאָנעט און הייסט „מינחה״:

ס׳טראָגט פֿון ים זיך בייזער שוים,
אהליי־קדר רו׳ן האַלב־שטום,
און מינחה־פֿלאַם שפּאַצירט אַרום,
אויף אַלטע בערג און אָטעמט קוים.

אַ פּוסטע וועלט פֿון סאַמע שטיין;
קיין וועג, קיין שטעג, נאָר בלינדער שליאַך,
דו זוכסט אומזיסט אַ בוים, אַ דאַך,
און בלײַבסט פֿאַרשפּאַרט מיט זיך אַליין.

אַוועק איז ווידער גאָטס אַ טאָג,
פֿאַרוואַלגערט זיך אין טויבער ווײַט,
און הערסט נאָך אַלץ שאַקאַלן־קלאָג.

דו שטרעקסט די הענט און קוקסט צום ים:
ער ברענגט דאָך מאָרגן יונגע־לײַט
מיט נײַעם שטורעם, נײַעם פֿלאַם.

ווען נישט די לעצטע צוויי שורות וואָלט געפֿעלט דער היסטאָריש־אַקטואַלער עלעמענט וואָס גרייט זיך צו זײַן דער המשך פֿון זײַנס־גלײַכן וואָס דער ים האָט ערשט נעכטן אַהער געבראַכט, און מען דאַרף נישט מער ווי פֿאַרבײַטן דאָס וואָרט: יונגע־לײַט אויפֿן וואָרט: חלוצים, כּדי צו פֿאַרשטיין ווי טיף עס גרייכט די סתּירה צווישן דער הײַנטיקער, לאו־כּל־שכּן מאָרגנדיקער דינאַמיק פֿון דעם יידיש־מענטשלעכן שטורעם און פֿלאַם, און דער הײַנטיקער, לאו־כּל־שכּן נעכטיקער דורותדיקער סטאַטיק און דער נאַטור און פּייסאַזש אַרום. געגנוג דערמאָנען דעם גרונטאויפֿטו אין וועלכן מיר האָבן זיך דעמאָלט אײַנגעשפּאַנט, — דאָס אויסטריקענען די בּבֿרה־זומפּן, וואָס האָט געמאַכט די ברייטע באַגנע־שטחים פֿאַר אַ פּרוכפּערדיקער יבשה, כּדי צו כאַפּן אין וואָס עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט. די סתּירה דערצו קוקט אַפֿיר פֿון אַ ליד וואָס רופֿט זיך „דער ניגון״ (געדרוקט אין וואַרשעווער פֿאָלק און לאַנד, י״ג חשון תּרפ״ז) און ווו דער פּייסאַזש איז ווי אַן אײַנגעפֿרוירענער נעכטן, וואָס וואָלט זיך געגרייט צו זײַן אַ פּאַסיווער הײַנט און אַ פּאַסיווער מאָרגן, מיר זאָלן נישט געדענקען די צוויי סוף־שורות פֿון פֿריערדיקן ליד:

קײַקלט פֿון בערג זיך אַ ניגון אַ שטילער,
ווערט אויף צעשמייכלטע טאָלן אַנטשוויגן,
נעמט זיך די פּוסטקייט צום דרימל פֿאַרוויגן,
מיט אַ פֿאַרפּלאָנטערט האַלב־שטומען געטרילער.

יונגע אַראַבישע פּאַסטעכער גיסן
ליריש געיאָמער אין כּוס פֿון פֿאַרנאַכטן,
לאָזט זיך אַ שעמעוודיק־בלאָלעך פֿאַרטראַכטן
שטיל בײַ דער נאַכטיקער מלכּה צופֿוסן.

ס׳האָבן צו אַללאַ חזניש־פֿאַרציִגן
דאַוונענדיק מינחה אין הויכע מעטשעטן
פֿרום מעזינען פֿאַרריסן די אויגן:

מיזרח און מערבֿ און צפֿון און דרום
האָבן אַ נאַכטיקע מלכּה פֿאַרבעטן
וואַרטנדיק אַף זי מיט אָפֿענעם אָרעם.

## יב

אַוודאי האָט נאָר דער פֿאַרנאַכט געלאָזט אויפֿכאַפּן אַזאַ ניגון — נישט דער טאָג, וואָס האָט געהערט דעם פּיאַש, דעם ריסקאַל, דעם טראַקטאָר, און אַפֿילו נישט די נאַכט ווו די שמירה האָט זיך געביטן האָט דאָ געקענט אַקאָמפּאַנירן. די זעלטנקייט פֿון אַזאַ איבערגעבן זיך דעם פֿאַרבײַפֿליענדיקן פֿאַרנאַכט שטרײַכט אונטער שוין דער נאָמען פֿון אַ ליד, וואָס איז דער פֿינאַל פֿון מײַנע שומרון־לידער, פֿון מײַנע הי ייִדיש געשריבענע לידער בכּלל. דער נאָמען איז: „אַ מאָל" און איך קען נישט אַנטשיידן צי און ווו איך האָב עס געפּובליקירט, אָבער מרדכי יפֿה האָט עס געבראַכט:

אַ מאָל אין די זיבנפֿאַך העלע פֿאַרנאַכטן
פֿאַלט טראָפּנווײַז רחמים פֿון אַלע פֿיר ווינטן
און קול דממה דקה אַצישן די צווײַגן,
נעמט טריפֿן גלײַך שוואַלבן מיט קוואַלן־געמערמל.

און פּראָסט וויל זיך זײַן צישן נאַקעטע פֿעלדזן,
און גלעקער־באַהאַנגענע שאָף פֿאַר זיך טרײַבן,
און סתּם אין דער וועלט אַרײַן שלײַדערן ניגונים,
אַז בערג זאָלן ענטפֿערן לאַכנדיק: מילא.

און אויגן צעשפּרייטן זיך איבער מרחקים,
דערוואַרטנדיק שטיל אליהו הנבֿיא,
דעם אַלטן און האַרציקן ייִד פֿון פֿאַר צײַטנס,
ווי ס׳האָבן אים אונדזערע זיידעס געמאָלן.

די קשיא, פֿון וואַנעט האָט זיך דאָ גענומען אליהו הנבֿיא איז לײַכט צו פֿאַרענטפֿערן — מיר זענען אין שומרון, און דאַרפֿן בלויז אויפֿהייבן דעם קאָפּ צו זען די אויף־און־אַפּשטײַג־קייט פֿון די כּרמל־בערג, כּדי מיר זאָלן זיך דערמאָנען אַז דאָ איז אַרומגעגאַנגען אליהו הנבֿיא, דאָ האָט ער געהערט דעם קול דממה דקה, ווי די אויטענטישסטע ראיה פֿאַר כּבֿיכול התגלות, און מסתּמא האָב איך מיטן זכר זײַנעם דאָ און איצט זיך געפֿרעגט, וואָס איז מיר עפּעס, אין מײַן צוגעטראַכטער אַגדתא אײַנגעפֿאַלן אים לאָזן ראַטעווען אַ שופֿר פֿון די שופֿרס אין היכל און אים לאָזן פֿאַרירשענען אַ שטאַרבנדיקן רבין, בשעת ער האָט זײַן שטענדיקן שופֿר, וואָס איז געקומען פֿון דעם אַיל,

דעם ווידער, וואָס זײַנע הערנער האָבן זיך פֿאַרפּלאָנטערט און ער איז געוווען דער קרבן שטאָט יצחקן; פּונקט ווי פֿון זײַן פֿעל איז געמאַכט אליהוס האָריקער מאַנטל.

יג

און דאָ קערן מיר צוריק צום אָנהייב — צום צווייטן ליד וואָס יצחק לופּבאַן האָט אָפּגעדרוקט (אין וואַרשעווער פֿאָלק און לאַנד, 30 יוני 1922) און האָט געהייסן „מײַן זון" און ממילא בין איך דאָרט אויסגעשטאַנען סײַ אַן עלטער־פֿאַרשיב, סײַ אַ דורות־פֿאַרמיש, אַ ביאָגראַפֿישן פֿאַרפּלאָנטער, וואָס איך נעם זיך נישט אונטער צו דערקלערן:

פֿאַרהוסט האָט מײַן טאַטע אין דחקות די יאָרן,
געהאַנדלט מיט בראָנפֿן אין קלייט,
אַ ברויטל געקײַט פֿונעם גוייִשן קאָרן,
געקײַט עס אין לייד און אין פֿרייד.

מײַן מאַמע האָט העמדער אין ווינטער־פֿאַרנאַכטן
פֿון גוייִשן לײַוונט גענייט,
און איך האָב אַ קוישל מיט קינדיש פֿאַרטראַכטן
פֿון אונדזערס אַ לולבֿ געדרייט.

מײַן אייניציקער זון איז אין גאַנצן אַנטלאָפֿן,
געכאַפּט אַ שטיק פֿעלד מיט אַ ציג,
און האָט אויף זײַן וועג זיך צוזאַמענגעטראָפֿן
מיט עפּעס אַ האַמער, אַ פּלוג.

איך האָב אַ פֿאַרדולטער פֿון גרעזער און בוימער,
מײַן אייגענעם זון נישט דערקענט:
זײַן זיידע אין טלית, זײַן טאַטע אַ טרוימער,
און ער מיט פֿאַרפּויערטע הענט...

אויך דאָס ליד איז אַרײַן אין מרדכי יפֿהס אַנטאָלאָגיע, און ער האָט מיך אין אַ גראַם אַנטאַליציזירט, אַ פּנים כּדי מיך צו באַפֿרײַען פֿון אַ דרום־ייִדישן גראַם, וואָס כאָטש ער איז געווען שכיח אין מויל פֿון רובֿ ייִדן, האַלט מען אים ווי אַ דיאַלעקט, און מיך מזכּה געווען מיט אַ צפֿון־ייִדישן גראַם, וואָס ער איז געווען שכיח אין מויל פֿון אַ מיעוט ייִדן, און מען האַלט אים ווי די נאָרמע. בין איך איצט באַשטאַנען אויף מײַנעם, כאָטש איך בין נישט צו אַלערגיש אין דעם פּונקט — האָבן מיר דאָך דאָס אויך אין דער לעבעדיקער העברעיִשער הבֿרה — אַשכּנזיש, וואָס רובֿ ייִדן האָבן באַנוצט איז פּסול; ספֿרדיש, ווײַטער, וואָס אַ מיעוט ייִדן האָבן באַנוצט, איז כּשר. נו, אַזוי איז עס, און יאַקאָש לעבן מיר.

יד

אין פּלוג איז דאָס ליד אַ מין שבֿח צו דעם וואָס רופֿט זיך לאַבאָריזאַציע, אַגראַריזאַציע, אָבער ביאָגראַפֿיש שטויסט עס האָרט אָן צײַט און אָרט, ווען און ווו מיר האָבן געשאַפֿן הכשרה־גרופּן, וועלכע זענען עולה געווען, און איינע פֿון זיי, ווו איך מיט

מײַנע חבֿרים זענען געווען, און האָט געהייסן: ברית אל ב׳, האָט געאַרבעט אין אַ דאָרף אין די קאַרפּאַטן, און פֿון דאָרט בין איך אַריבער אין מרכּז־החלוץ פֿאַר קליינפּוילן, וואָס איך בין געווען מער ווי צוויי יאָר זײַן אָנפֿירער, און די גרופּן וואָס האָבן תּחילת געציילט הונדערטער, זענען געוואָרן אַ באַוועגונג פֿון טויזנטער, ווי מען קאָן נאָכ־לייענען אין בוך פֿון לוי־אַריה שׂריד (לייבל גאָלדבערג): החלוץ ותנועת הנוער בפּולין (תּשל״ט). וואָס איך האָב געטראַכט און געפֿילט, איז אַן ענין פֿון אַ סטאַטעטשנעם פּראָזאַישן פּראָטאָקאָל, אָבער עס איז אויך געווען אַ מין צעשויבערטער קוואַזיפּאָעטישער דין־וחשבון, וואָס עטלעכע פּרקים זײַנע האָבן זיך דערהאַלטן מיט אַן אייבערקעפּל: אַ ריטמיש געלעכטער, און אָט זענען פֿראַגמענטן פֿון דער מגילה וואָס איז האַלב־אויטאָפּאַנעגיריש און האַלב־אויטאָאיראָניש:

— שאַ שטיל! דער קליינפּוילישער חלוצישער קײַזער זינגט דער חבֿרתא אַ ריטמיש געלעכטער פֿון דעם וואָס געחלומט אַ קײַלעכדיק יאָר אונדז, ווען טויזנט נײַן הונדערט און צוויי טוץ מיט יאָרן זענען פֿאַרגאַנגען, זײַט מ׳האָט אַ פּאַסטעך פֿון באַרגיקן גליל, מיט זײַן דאַר פּנים, און שיטער־בלאָנד בערדל, געצלמט — —

— — מיר האָבן געלאָזט זיך, פֿיר ייִנגלעך קונדסים, אין שטעטלעך פֿאַרוואָרפֿן אין תּפֿוצות־גאַליציע, אין נאָמען פֿון כּנסת־ישׂראל צו בעטלען ח״י צ״ל אויף מאָדערנע מעמדות, און ייִדן מיט פּאות און בערד צו דערציילן, אַז פֿון די צעשפּליטערטע שטיינער אין גליל וועט מאַכן אַ וועג זיך דער בעטלער וואָס רײַט אויף אַן אייזל, און פֿון די געטאָקטע מליצות וועט שמעלצן צוזאַמען אַ שנור זיך פֿון פֿרישן מקיים זײַן ערלה און פּאה און שמיטה און יובֿל, אין רעגן־פֿאַרוואַשענע בײַדלעך, וואָס מאַכן אַ פֿלאַמיק און קײַלעכדיק רינגל: קאָמונע.

מיר קומען אין שטעטלעך צו ייִדן, וואָס שרומפּן זיך אײַן אין אייגענעם שיפֿלות, און רײַסן זיי אויס מיט פּסוקים און מדרש, פֿון קלייטן און קרעטשמעס און שענקלעך און הילצערנע בודקעס, בײַ רויט־ווײַסע שראַנקען פֿון ווײַטע ראָגאַטקעס; מיר טוען זיי אויס די פֿאַרשמאָלצענע שובקעס און וואַרפֿן אַראָפּ אַרבע־כּנפֿות פֿון זייער צעיאַטערטער פֿרומקייט און לאָזן זיי גיין, האַנט בײַ האַנט, מיט דער חבֿרה אויף כּבֿישים, און לאָזן זיי שפּרינגען קדושה פֿאַר ייִנגלעך, וואָס האָבן געגאָסן דעם שטראָז פֿון טבֿריה ביז טבחה — —

מיר שטייען פֿאַר זיי און דערציילן, אַז מאָרגן, מאָרגן וועט רוים זיך צעשיטן נאָך זיבן מגיפֿות און אויף זײַנע פּגרים וועט שפּאַנען אַ ייִד מיט אַ בלאָנדלעכער באָרד און וועט זאַמלען דאָס אַש פֿון די צלמים, עס ברענגען צו קבֿרי־ישׂראל, בײַם כּותל־מערבֿי, און ווערן אַליין אַ געשווירענער חבֿר אין טאַנצנדיק־בראַנדיקן ראָד פֿון קאָמונעס, וואָס יאָגט אין זײַן ברויזנדיק־הייסער געשפּאַנטקייט פֿון הענט איסגעשטרעקטע צום הימל: אבֿינו מלכּנו גלה כּבֿודך.

— — געזאָגט האָט אַ בת־קול פֿון אַלטן בית־עלמין: געשטאָרבן איז לאַנג שוין די אַלטע כּנסת־ישׂראל מיט אירע צעבראָכענע ביינער, וואָס פֿלעגן זיך ווינטער־צו שאַרן צו וואַרעמע אויוונס אין ווינקלען פֿון פֿינצטער־פֿאַריתומטע קלויזן, געשטאָרבן איז לאַנג שוין דער ייִד מיט דער פֿלאַקסענער באָרד, וואָס, פֿאַרקויפֿנדיק באַבקעלעך הייסע אין מאַרק, האָט געוווסט, אַז אַ רויטע מטבע פֿון זײַנע פֿאַרשמאָלצענע הענט מוז טאָג־טעגלעך פֿאַרשלינגען אַ זשאַווריקע

פּושקע פֿון מתּן־בסתר, און שפּעטער זאָל ער, קעגן חצות, זיך פֿאַרבײַגיין אַ קלויז און זאָל הערן דעם קלאַנג פֿון זײַן רויטער מטבע, וואָס עפּעס אַ מתמיד מיט ליכטיקע אויגן האָט שטיל זי געמאַכט צו אַ האַרציקן ניגון, וואָס שווימט איבער גאַסן און געסלעך, דערציילנדיק קראַנקע און נאַכטיקע שאָטנס, דעם גרויסן געזאַנג פֿון אַן אַלטער הלכה — —

געשטאָרבן פֿאַר הונגער איז אונדזער גרויסהאַרציקער מגיד, וואָס האָט, אין אַ בראַנדיקער ליבשאַפֿט, געטוליעט די ליפּן צום אַלטן פּרוכת; געשטאָרבן איז אונדזער גרויסהאַרציקער מגיד און ליגט אויפֿן לעצטן בית־עלמין און אָן אַ מצבֿה. פֿאַרפֿאַלן איז ערגעץ דאָס קענדל בײַם ברונעם, און ייִדן, וואָס קערן זיך אום פֿון לוויות, בלײַבן מיט אָפֿענע מײַלער און גייען זיך אַהיים מיט צוויי טמא־פֿאַרציטערטע הענט און זיי שטעלן זיך אָפּ מיט האַלב־נאַרישע אויגן און פֿרעגן דעם טאַטן אין הימל: צי האָט מען באמת דעם לעצטן באַגראָבן? געשטאָרבן איז לאַנג שוין די אַלטע כּנסת־ישׂראל און קיינער פֿאַרשטייט נישט צו שטיין אין געראַנגל פֿון זיבעציק אומות און שרײַען, ווי הונדערט צעבלו־טיקטע לייבן: יתגדל ויתקדש. און קיינער פֿאַרשטייט נישט צו מאַכן אַ שטיק שׂמחת־תּורה אין האַרצן, און אונדז, דער ווײַס־חבֿרה, אַ שרײַ טאָן: אַ וואָרע, אַ וואָרע, דער יונגער כּנסת־ישׂראל, וואָס האָט זיך דערהויבן, אַ לייב פֿון זײַן לויער, און טראָגט איבער וועלטן דאָס ייִדישע מלכות, און ווײַזט שבֿעים אומות, מיט ייִדישער חוצפּה, אַ קרוין, וואָס פֿאַרבלענדט אין איר גינגאָלדן פּשטות אַ וועלט פֿון מלכים, אַ וועלט פֿון ערלים, אַ וועלט פֿון פֿאַרנאַרישטן הפֿקר, וואָס זעט נישט, אַז גאָט וויל דערהייבן פֿון שטויב זײַן געקליבענע, איינציקע אומה און וויל לאָזן לײַכטן זײַן שכינה אין דריטן בית־מיקדש — —

— — בײַ נאַכט האָט געחלומט נישט איינער, אַז הענט פֿון גרויסהאַרציקע ייִדן פֿאַרוואַרפֿן זיך ברייט איבער גאַסן מיט קוויטקע בודקעס, ווו טענדלערס פֿאַרקויפֿן דאָס מזל פֿון כּנסת־ישׂראל, און פּאַקן אין פּאַרמעט פֿון תּורות נאַרוועגישע הערינג פֿאַר עלנטע סעודות: פֿליִען די הענט פֿון גרויסהאַרציקע ייִדן און הייבן אין חלל מיט בלאָלעכע שטערן צען גילדענע גלעקער. און גאַנצע מנינים פֿון ייִדן דערשראָקענע לויפֿן אַרויס פֿון געוועלבן און שרײַען גוואַלד אויף די פֿײַער־ניגונים, וואָס גרעסערע ייִדן צעשיטן, מיט הייסן פּזרנות, און לאַכן, ווי גאָט פֿונעם חומש כּבֿיכול, בשעת זײַן צאָרניקע האַנט האָט געהויבן דעם סיני אויף קעפּ ששים־רבוא, און שטיל, מיט איראָניע געזאָגט זיי: חבֿרותא, טויט אָדער ברויט — —

און איין מאָל האָט עמעץ זיך ווײַטער צוזאַמענגעשטויסן מיט שווערע קאָלאָסן פֿון ליימענע גולמס, וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון פּראָג, צו פֿאַרשפּאַרן דעם וועג פֿון אַ ייִדישן ייִנגל, וואָס האָט אָנגעשפּיגן אין טאַטנס צערטשאָכרעטער באָרד און געלאָזט זיך קיין מינכען און האַקט דאָרט אין שטיין אַ פֿאַרהאָרבעטן ייִד און אַן אַלטע מכשפֿה, וואָס וואַרפֿט אים ציגײַנערשע קאָרטן און זאָגט אים: נעם לייג דיך, מיט הענט און מיט פֿיס, אונטער הויפֿנס צעבראָכענע פֿלעשלעך אויף בוידעמס, און שרײַב אַ צוואה, ווײַל דו ביסט דער קרבן און דו ביסט דאָס קבֿר — —

און נאָך איז פֿאַראַן: אויף בערג שפּרינגען פֿיס פֿון אַ פּאַסטעך, אַ ייִדישן שייגעץ, און פֿײַפֿן אַרויס אויף דער וועלט, אַז נאָך מאָרגן וועט וואַרטן אַ נבֿיא בײַם שוועל פֿון די קלויזן, אויף גרינגע בחורים און וועט זיי אַ טרייסל דערלאַנגען בײַם קאָלנער און זאָגן: אַ פֿאַלק, וואָס זײַן דוד המלך געלעבט האָט פֿון אָדם הראשונס געשאָנקענע יאָרן, דאַרף האָבן צום לעבן פֿיל זכות

און פֿיל רחמים אין הימל. דעריבער קערט אום זיך, קערט אום זיך אין קלויזן און דאַוונטס און דאַוונטס און דאַוונטס, ביז שטאַרבן בײַ אײַך וועט אין מויל אײַער לשון — —

— — אין יענע פֿאַרשוואַרצטע און פֿינצטערע נעכט, ווען פֿון דער חלוצישער קיך פֿלעג פֿאַרטראָגן אַרײַן זיך, אַצישן דער דומפּער צוזאַמענגעפּרעסטער חבֿרותא, צעלייגט אויף די טישן, אַ מיידלשער קול פֿון היסטעריע — האָט עמעץ דערמאָנט אַ געלייענטן ראָמאַן איבער מיידלעך פֿאַרבענקטע בײַם ברעג פֿון אַ זילבער־פֿאַרגאָסענעם ים, און אַ צווייטער האָט שטיל זיך פֿאַרביסן די ליפּן, און אונטער זײַן מאַנטל, וואָס האָט אים פֿאַרדעקט די פֿאַרפֿרוירענע ביינער, האָט שטום אים געציטערט פֿאַר טויטשרעק דאָס האַרץ און ער האָט זיך געחזרט דרײַפֿאַכיק שטיל: לישועתך קויתי. און עפּעס אַ דריטער האָט אפֿשר פֿאַרשטאַנען, אַז אויב מ'האָט פֿאַרצוימט די מיידלש־צעפּאַטלטע האָר אין די קיכן, זיי זאָלן דאָרט גרייטן פֿאַר שוואַרצע שבתים די וואַסעריקע יושקעס, וואָס עס פֿלעג דער חבֿרותא צו שענקען דער ברייטער סימפּאַטישער ייִדישער עולם — טאָ מוזן די שׂרהס און רבֿקהס און רחלס און אסתּרס אין נעכט פֿון לבֿנה־צעשריגענער ווײַסקייט, דערציילן, אַז פֿון דער צעשוימטער פֿאַרקלערטקייט איז שטאָלץ אויסגעוואַקסן אַ דאָמב, וואָס שיקט, אין די שוואַרצע פֿאַרבלאָנקעטע נעכט, אַ צעפֿלאַקערטן לאָמפּ: עד שקמתי אם בישׂ־ראל — — און דעמאָלט פֿאַרשטייט ער, דער דריטער, אַז נאָך נישט געשטאָרבן איז רות, וועלכע לייגט זיך, מיט ריינע געדאַנקען, אין שײַער בײַ נאַכט לעבן בועז, און ווייסט נישט, אַז שפּעטער וועט קומען אַ בוים מיט אַן אייביקן וואָרצל, צו וועלכן, נאָך טויזנטער יאָרן, וועט שפּרינגען, בײַם שײַן פֿון באַנײַטע לבֿנהס, אַן אייביקע אומה מיט קלאָרן געזאַנג: חי וקיים.
און ס'קלערט זיך דער דריטער: נישט אַנדערש נאָר טונקל־צעפֿלאַמטע מאַמישע אויגן, פֿאַרשטאַרט בײַ דער קיך, נעמען בלאַנקען אין ערבֿ־שבתות אַרום די צעבראָכענע בעטלעך אין קאַלטן בית־חלוץ, באַווײַנען די נאַקעטע טישן און מאַכן בײַ נאַכט, אַרום צוועלף אַ זייגער, אַ גרויסן הדלקות־הנרות פֿון וואַקסענע ליכט, אויסגעקנויטן פֿון האַרציקן, בלוטיק־היסטערישן שרײַ: סוב דמה לך דודי לצבי — און אַ הירש מיט צעשניטענע ריפּן צאַפּלט בײַם ברעג פֿון אַ גרינלעכן וואַלד און אַ בלאָלעך טײַכל — —

— — אַ מאָל דאַכט זיך פֿאָרט: אָט לעבן דאָך ברייטע געזונטע און בערדיקע ייִדן אין פּוילישן קראָקע, ווו ס'לויפֿן אַרום נאָך פֿאַרפֿלאַמטע בחורים מיט תּנועות פֿון אַלטע ותיקין און לויבן דעם זעלבן רבונו־של־עולם, וואָס האָט זיי פֿאַר זעקס הונדערט יאָרן געבראַכט אויפֿן קוזשמער — —
ס'לעבט נאָך און רעדט נאָך אַזוי זאַפֿטיק צו דיר די מצבֿה פֿון אַלטן רמ"א ז"ל, און ס'נעמט זיך דער שטערן דיר קנייטשן און נעפּליק נעמט צאַפּלען פֿאַר דײַנע צוויי גלעזערנע אויגן אַ ציק־צאַק־פֿאַרדרייטע הלכה און טורעמט זיך, גלײַך תּפֿילות פֿון ריצאַרשע ווײַבער אין טונקל פֿון גאָטישע קלויסטערס — — ס'קנייטשט זיך דער שטערן, און גאָלדענע זון פֿאַרזיסט די מצבֿה פֿון גרויסן רמ"א ז"ל, און ער שטייט פֿאַר דיר אַזאַ גאָר יונג־פֿאַרשטאָרבענער גאָון און שמייכלט און זאָגט דיר אַ פּסוק, אַ צווייטן, פֿאַרווײַזט אויף אַ רמז, און פּלוצעם פֿאַרשטייסטו דעם סוד פֿון די קרומע פֿאַרפּלאָנטערטע טרעפּלעך, וואָס פֿירן אַרויף דיך, מיט וואַקליקע טריט, אויף אַ טורעם — —

דו שטייסט אויף אַ טורעם און הערסט ווי די גלעקער פֿון קראָקעווער קלויס־טערס דערציילן דעם לויב פֿון מלכים, וואָס שלאָפֿן אַ בראָנדזענעם, זיכערן שלאָף אין די קעלערס פֿון וואַוועל, און זעסט, ווי ס'הייבט זיך אַ פֿלאַמיקער

רויך פֿון אַ קראָקעווער רבֿ, וואָס דרײַ גראָבע גלחים מיט גאָלדענע צלמים און שמאַלציקע הענט האָבן רויק (אין נאָמען פֿון אונדזערס אַ ייִדישן בחור, וואָס האָט זיך צעשטרעקט מיט אַ נאַקעטן, בלוטיקן גוף איבער קראָקעווער גאַסן) געהייסן פֿאַרברענען אין סאַמע מיט מאַרק, אַז גאָט, יענער טאַטע אין הימל, זאָל האָבן אַ ריח־ניחוח און קענען במנוחה פֿאַרנעמען פֿרימאָרגן־געבעטן: אוי טאַטע, אָבֿ הרחמים — —

און בלאָס ווערן אַלע פֿאַרפֿלאָמטע און פֿרומע בחורים, און שטום די מצבֿה פֿון גרויסן רמ״א ז״ל, דען קמיטאַ, אַ פּוילישער גוי, בײַם אַרײַנגאַנג צום קאַלטן, אַלטפֿרענקישן קלויסטער מיט גאָלדענע בלעכן און שטיינערנע כּרובים לאַכט גלײַך דיר אין פּנים, ווי איינער וואָס זאָגט דיר: פֿאַרשפּאַר דיך, צעבראָכענער ייִד, אויף דײַן קוזשמער, פֿאַרנעם דיך מיט נשך און רבית און שיק דײַנע זין אויף דער גראָדזקע אין טעג, ווען פּראָצעסיעס מיט פֿאָנען פֿון צעכן צעשיטן זיך ברייט אויפֿן מאַרק, אַז אַיעדער פֿאַרשיכּורטער קראָקעווער שוסטער זאָל קענען אויסצופּן די שוואַרצע, געקרײַזלטע פּאות פֿון ייִדישע קינדער און ברענגען אַהיים זיי, אַ מאָדנע מתּנה, דעם ווײַב און די שקצים — —
אַוועק זשע, אַוועק זשע פֿון קראָקע, אַוועק צו סניטינער גנבֿים, צו דזשאָרקע דעם שווערצער, באַוואַקסן ווי געלע קדושים אויף וואַנטיקע בילדער בײַ אַלטע מוזשיקעס אין פֿאָניעשע דערפֿער. אַוועק זשע, אַוועק זשע, כאָטש די רומענישע זעלנערס קוקן מיט זיבן שאַרף־בראַנדיקע אויגן אויף מחנות חלוצים, וואָס לאַכן פֿון גרענעץ און לויפֿן פֿון ביקסן און שפּאַנען קיין גאַלאַץ און שפּרינגען אַרײַן אין די שיפֿן און קומען צום ברעג פֿונעם לאַנד, און שרײַען: לא אמות כּי אחיה...

כאָטש ס'טרעפֿט זיך נישט איין מאָל, אַז דזשאָרקע דער שווערצער פֿאַרלאָזט די חלוצים אין סאַמע געדיכטעניש פֿון פּעכיקן וואַלד, און זיי נעמען על־כּורחם דאָ קריכן, גלײַך מאַלפּעס, וואָס האָבן צעבראָכן די הענט מיט די פֿיס אויף סומאַטראַ. זיי קריכן אין דומפּער פֿינצטערקייט ביז זיי דערגרייכן אַ ייִשובֿ און קלאַפּן אין פֿענצטער פֿון דאָרפֿישע ייִדן, וואָס זייערע זיידעס געדענקען ישׂראלן, ווען ער האָט געוואַנדערט פֿון קאָסעוו קיין קיטעוו, פֿאַרטונקען די הענט אינעם קוואַל פֿון הכּנות, פֿון דאָרטן צו שעפּן מדרגות פֿון שם־טובֿ — —

זיי קלאַפּן אין פֿענצטער און זאָגן: רבותים, אַ צווייטער בעל־שם־טובֿ וועט קומען... און אין מיטן דער בשׂורה נעמט קלאָגן דער קלאָרער טשערעמאָש אויף יענעם פֿאַראָרעמטן חלוץ פֿון כעלם, וואָס איז דאָרטן, פֿון גוייִשע הענט און ייִדיש מלשינות דערטראָנקען געוואָרן — —

נישט צײַט איז צו קלאָגן, נישט צײַט איז צו וויינען, דען מאָרגן מוז די חבֿרותא שוין זײַן אין טשערנאַוטי, און אין צוויי וואָכן אַרום, דאַרפֿן זיי פֿלאַנצן טאַבאַק נישט ווײַט פֿון אילת־השחר — —

טו

איך האָב די דאָזיקע צעוויכערטע און מסתּמא אויך צעיאָכמערטע פֿאַנטאַסמאַגאָריע קיין מאָל נישט געשיקט צו אַ רעדאַקטער אָדער כמו־רעדאַקטער, ער זאָל זי בודק זײַן, צי ער קען באַשליסן זי צו ברענגען אין זײַן זשורנאַל אָדער בלעטל; איך האָב זי קיין מאָל נישט פֿירגעלייגט אַ פֿרײַנד אָדער באַקאַנטן, ער זאָל זי לייענען. די פֿראַגמענטן וואָס איך האָב דאָ געבראַכט, האָב איך ערשט איצט אויסדאָביוועט פֿונעם אַרכיוואַלן

שטויב און קען נישט לאָזן אומבאַמערקט, אַז אַפֿילו אַן אויבנאויפֿיקע בדיקה פֿאַרראָט דעם צײַטגײַסט, זײַן נוסח און זײַנע מיטלען — עס איז גענוג אַ פֿלאַכער רעטוש פֿון דער עקספּרעסיע, ווי זי איז אָנגעגאַנגען אין און אַרום דער „כאַליאַסטרע״, נאָכן פֿונאַנדערגאַנג פֿון איר פּאָפּולאַרסטן דרײַלינג, — ווען ראַוויטש איז געבליבן בײַם ברייטן וועלטפֿאָלק, מאַרקיש איז אָט־אָט געהאַט אַוועק צום גרויסן רעוואָלוציע־לאַנד, און דער אונדז נאָענטסטער, א.־צ. גרינבערג, איז צווישן הײַנט און מאָרגן מיט אונדז מיטגעגאַנגען אין שמאָלן און קליינעם ערדפּאַס צו וועלכן מיר האָבן זיך געריסן, אויסצובויען אים צו דעם וואָס ער איז באַשטימט צו זײַן — אונדזער עלטסטע און ייִנגסטע היים. עס לאָזט זיך זאָגן אַז דער פֿונאַנדערגאַנג איז דער פֿאָן — אָדער ווי דער טערמין וואָס גייט פֿון פֿראַנצייזיש דורך רוסיש, האָט בײַ אונדז, דורך דײַטש געקלונגען: דער הינטערגרונט. דער הינטערגדונט פֿון די געבראַכטע פֿראַגמענטן איז דער ווידעראַנאַנד פֿון דער חבֿרותא, וואָס האָט זיך געשפּאַרט וועגן גאַנג פֿון פֿאָלק און יחיד, און יענע אָנסופֿיקע דיסקוסיעס, רויִקער צווישן זיך אין אונדזערע היימישע לאָקאַלן, שטורמישער צווישן אָפּאָנענטן אין קאַפֿע רעפּובליק, בעיקר אין סאַסאָווערס רעסטויראַציע, וואָס איז כּמעט תּמיד געווען אָפֿן און מען האָט דאָרט גענומען אויף באָרג, ביז עס האָט זיך געיאַוועט דער לעצטער, וואָס האָט געקענט באַצאָלן פֿאַר אַלע. איך וואָלט געקאָנט רעקאָנסטרויִרן ווער און וואָס האָבן דאָ אויסגעברײַעט, און עס איז אַרײַנגעשלייערט אין די פֿראַגמענטן, און אַזוי ווי עס זענען אויך שרײַבערס דערונטער, און ערבֿ־שרײַבערס, און לרובֿ שוין פֿאַרגעסענע, פֿאָדערן זיך באַזונדערע זכרון־בלעטער, און אפֿשר וועל איך נאָך דעם חובֿ נאָכקומען.

## טז

דערווײַל קאָן איך מיך געזעגענען מיט דעם פּליק פֿאַרגעלטע פּאַפּירן און, מחמת זייער שײַכות צו דעם דערמאָנטן דרײַלינג, בעטן אַ זײַטיקן ווינקעלע פֿאַר זיי, ווו עס ליגן איצט זייערע אַרכיוון, אין ירושלים. די פֿראַגמענטן וואָס איך האָב געבראַכט זענען טאַקע אַ מין עפּילאָג פֿון מײַן ייִנגליש בינטל, אָבער בעיקר פֿונעם ציבורדיקן כּלל־אַספּעקט, וואָס כאָטש ער איז אַפֿילו דאָרט און דעמאָלט געווען דער עיקר, טאָר ער, דאַכט זיך, נישט אויסשליסן דעם יחידישן פּיל־אַספּעקט, — סײַ איראָניש סײַ נאַיִוו — ווו עס באַגעגנט זיך דאָס אידיילישע, ווי איך האָב עס געאָטעמט דער הויפּט צווישן מײַן טאַטנס דאָרף און מײַן מאַמעס שטאָט; דאָס אורבאַניסטישע, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, אָדער זיך אײַנגערעדט איבערצולעבן אין דער גרויסשטאָט און איך זאָג: אײַנגערעדט, ווײַל אַ סך האָט דאָ בײַגעטראָגן די לעקטור, בעיקר פֿון דער מאָדערניסטישער פּאָעזיע. ווי אַזוי עס האָט זיך פֿאַרמישט די השפּעה פֿונעם דאָרף און פֿון שטאָט, איז אילוסטרירט אין עטלעכע לידער (בלויז דאָס ערשטע איז געווען געדרוקט אין לעמבעריקער פֿאָלק און לאַנד, 1924). דאָס ליד האָט אַ קעפּל: „דרײַ שטערנדלעך״, און קלינגט:

כ׳בין אַ קינד אין זעקסטן יאָר<br>
וואָס טראָגט נאָך לאָקיק־לאַנגע האָר,<br>
און האָט אַקעגן גאָטס שטיק וועלט<br>
אַ שמייכל־פּרצוף אויסגעשטעלט.

מײַן אויג איז נאָך אַ שפּיגלפּלאַך,
וואָס קוקט אַרויף צום גינגאָלד־דאַך,
פֿון טאַטנס פּאַלאַץ פֿון קרישטאָל,
און חוזקט אָפּ פֿון גרינעם טאָל.

מײַן אויער איז נאָך אַ פֿרישער קוואַל
און ערשטער מאָרגנדיקער שאַל,
מיט טיר־און־טויער אויפֿגעפּראַלט
אַקעגן אַ ל״ג־בעומר־וואַלד.

מײַן האַרץ איז נאָך אַ בעכער גרויס
אין שמשס האַנט, בעת די קלויז,
הערט זיך אין קידוש אײַן טויט־שטיל,
און ווייסט פֿאַר גליק נישט וואָס זי וויל.

דאָס אַנדערע ליד, ווײַטער, הייסט ווי זײַנע אָנהייבווערטער:

אין מיזרח־קאַנט אַ רויטע גליִענדיקע רויז.
פֿרימאָרגן־שטילקייט און דער מאַרק אַ סאַרקאָפֿאַג,
און פּיס וואָס לויפֿן אײַלנדיק אין גאַטס אַ הויז —
איעדער גרינער בחור מיט אַ תּפֿילין־זאַק.

דען תּפֿילות זענען אַלטע טורמען באַרג־אַרויף,
און הענט וואָס רײַסן בלינד זיך אין דער הויך,
און שטיינער־ברעכנדיקער באָכן־לויף,
און כמאַרע־פּאַטשנדיקער שוואַרצער קוימענרויך.

דען תּפֿילות זענען גאָטישע היכלות־טרעפּ,
מיט זאַמד זיך רייצנדיקער מידבר־ווינט,
און וואַסערפֿאַל־פּאַרבלאָנקעניש אין דאַרן סטעפּ,
אַ שעפּט אין קראַנקע אויערלאַפּן: זײַ געזונט.

אויך דאָס ווײַטערע ליד הייסט ווי זײַנע אָנהייבווערטער:

אויפֿגעריסן הימלאויגן. ס׳גראַט.
כאַפּט מאַראַנצן־גאָלד, פֿאַרדעקט דעם סאָד,
עפֿנט מאָרגן־ריח פֿלעשער ווײַן —
קומסט מיט שטילע טריט אין סאָד אַרײַן.
קומסט בשתיקה, אויגן זונען צוויי,
אָרעם — אַלאַבאַסטער, טבֿת־שניי.
פֿלאַטערט פֿרישער ווינט אויף האַלדז און העמד,

און אַנטלויפֿט באַלד, צניעותדיק פֿאַרשעמט.
שמייכלט זון אויף דײַנע לאַנגע צעפּ,
גיסטו ליבלעך אונטער בלומענטעפּ.
ווערן מײַנע ליפּן ווייכער פּלוש,
רײַסט פֿון זיי זיך אָפּ פּרימאָרגן־קוש.
זאָג איך: ערשטלינג מײַנער, שווים און פֿליס.
לאָזט ער בהכנעה זיך צו דײַנע פֿיס.

אויב אין די מער דאָרפֿישע לידער וואַרפֿן זיך דורך בית־מדרש־מאָמענטן — דער צענטער פֿון דער קליינער קהילה אונדזערער איז געווען דאָס בית־מדרש דבראָד־ישן — איז עס קל־וחומר אין די מער שטעטישע לידער, ווו עס זענען געווען מער ווי אַכציק מקדשי־מעט — און אַזוי האָבן מיר עס אין אַ הומאָריסטישן מאָטיוו:

גע‏האַט האָט זײַן אייגנס דער פּעטער, ר׳ סענדער,
אַ שטיבל, אַ גריבל, אַ לאָך פֿון אַ מײַזל,
דערפֿאַר האָט פֿאַרמאָגט ער אַ דעמבענעם שטענדער,
נישט ווײַט פֿונעם עמוד אין סטרעליסקער קלײַזל.

אַ שטענדער אַ גלית, וואָס שטייט מיט כּוונה,
אַ פֿעסטער, אַ בייזער, און וויל זיך באַרימען:
ס׳האָט מײַן בעל־הבית מיך, אַ שטיקל מתּנה,
פֿון אַלטן זכרונו־לבֿרכה באַקומען.

און שטעלט זיך ר׳ סענדער אַוועק פֿאַר זײַן שטענדער,
מע הערט שוין דעם חזן צו גלײַך מיטן קאָטער,
די ווײַבער צעשושקען זיך דאָרט בײַם געלענדער:
ר׳ סענדערס אַ דאַווענען, האַרציקער פֿאָטער!

שוין איין מאָל אַ דאַווענען, איין מאָל אַ תּפֿילה,
אַ פֿלאַקערדיק פֿײַער, אַ בראַנד אין די ביינער,
אַקעגן זײַן סטרעליסקער ברען איז אַפֿילו
דער פֿלאַם פֿון גיהנום אַ הונט אַ געמיינער.

אַ שטענדער אַ גיבור, מיט אויגן פֿאַרברעמטע,
פֿאַרשטאָפּט מיט סידורים, פֿאַרפּאַקט מיט מחזורים,
די איבעריקע שטענדערלעך שטיי׳ן דאָ פֿאַרשעמטע,
פֿאַרבלייכט און פֿאַרציטערט און וואַרפֿן זיך כּורעים.

מעגסט פֿאָרן דורך ימען און יאָגן דורך לענדער
און זוכן און שנאַפּן און גריבלען און שמעקן,
אַזאַ מין סאָרט שטענדער, ווי ס׳האָט אים ר׳ סענדער,
פֿאַרמאָגט דאָך די וועלט נישט אין אַלע פֿיר עקן.

ווי ווײַט אָבער דאָס כּללדיק הומאָריסטישע ווערט אָבער פּאַררוקט פֿונעם יחידיש־טראַגישן, לאָזט זיך אָפּלערנען פֿון אַ ליד וואָס הייסט: „מאָרגן", און עס קומט פֿיר אין הייליקסטן טאָג:

ברענען ליכט פֿון וואַקס אין שעהען פֿון יום־כּיפּור,
שאָקלען זיך עטרות אויף די בלאַסע קיטלען,
דאַווענען דאָ אַלע אַלץ די זעלבע תּפֿילות,
הער איך אויס זיי, נישט פֿאַרגעסנדיק מײַן תּפֿילה.

טראָגן האַסטיק רויטע פֿאָנען פֿלאַטערדיקע,
הענט פֿאַרהאָרוועטע פֿון טויזנטער פּראָלעטן,
אויסגעטון פֿון תּענוג און צו תּענוג שטרעבנדיקע,
צווישן רויטע פֿאָנען שטיי איך און פֿאַרגעס מײַן ליד נישט.

מאָרגן ליג איך מיט די פֿיס אַן אויסגעשטרעקטער,
וועט מען ווידער פּראַווען האַרציקן יום־כּיפּור,
הערן וועל איך זייער דאַווענען פֿון קבֿר,
דען געדאַוונט וועט עס זײַן אויף מײַנס אַ נוסח.

מאָרגן ליג איך מיט די פֿיס אַן אויסגעשטרעקטער,
וועלן ווידער שפּאַנען טויזנטער פּראָלעטן,
וועלן אַלע איבערחזרן דאָס ליד מײַנס,
אויף רשות־הרבים ערלעך אויסגעביטן.

איך מוז מודה זײַן, אַז איבערלייענענדיק די שורות, רײַב איך מיר די אויגן, נישט אַזוי מחמת דער אויפֿגעבלאָזנקייט פֿונעם איך, אַז סײַ די תּפֿילות פֿון יום־כּיפּור, סײַ די הימנען פֿון דעמאָנסטראַציעס, וועלן פֿאַרבייגן זייער מסורה און זייער חידוש, און אָננעמען מײַן נוסח, און נישט אַזוי מחמת דער גאווה מײַנער, אַז מײַן סײַ דעמלט סײַ שפּעטער, אַנאַרכיסטישער גלויבן, וועט פֿאַר מײַן פּטירה זיך אַזוי אויסצײַטיקן, אַז ער וועט ווערן אַ כּלל־אמונה, ווי אין דער פֿעסטקייט, אָדער עקשנות, אַז איך וועל בלײַבן אַן איינצל־שפּאַנער, וואָס האָט יונגערהייט געזען ווי אַ סימן־מובֿהק פֿאַר זיך דעם נאָמען פֿון מאַקס שטירנערס בוך: דער איינציקער און זײַן אייגנטום, און אויף דער עלטער דעם נאָמען פֿון משה־אַהרן ווײַזנס בוך: דער איינציקער און זײַן געוויסן.

יאָ, אין דעם ליד איז שוין אַרײַן דאָס אורבאַנישע — אין אַלט־בראָד און בראָד האָבן נישט געשפּאַנט קיין טויזנטער פּראָלעטן. אָבער אין לעמבעריק, נישט קיין גוואַלדיקער כּרך, איז אויסגעוואַקסן אַ ליד וואָס הייסט טאַקע: „גרויסשטאָט", און עס איז מסתּמא אַ געמיש פֿון דעם וואָס איך האָב האַלב געזען און האַלב געלייענט:

געלע, ברוינע טראַמווײַ־וואָגנס
שלעפּן זיך אויף גרויסשטאָט־פּלאַסטער,
לויפֿן קעפּ און פֿיס און מענטל
דורך דעם טויטן אַלאַבאַסטער.

הויכע רויכיק־שוואַרצע קוימענס
פּײַפּן אויף מיט קעסל־ציטער
און פֿאַרהלישען הונגער־הימנען:
ברויט מיט פּוטער, ברויט אָן פּוטער.

בלאַנקען אום אויף גאַס־געררודער
מאַטע, שלעפּעריקע בילמען,
טראָגט אַ קאָפּ אַ גרויסן טאָוול:
קינאָ! הונדערט מײַלן־פֿילמען!

האַקן־בראָקן, האַקן־בראָקן,
שינעס, רעדער, דראָטן, סלופּעס,
קאָכן, זידן, אומצופּרידן,
טויזנט־רעדערדיקע טרופּעס.

שלעפּן צענטער־שווערע טאַטשקעס
מענטשן, בלינדע מאַריאָנעטן,
בענקען פֿון די שווייס־וואַרשטאַטן
צו די טישן, צו די בעטן.

יאָגט און הוסט אַ קראַנקע גרויסשטאָט,
כריפּעט הייזעריק און טרוקן;
וועט אַ מאָל אים דאַרפֿס־געזונטקייט
שטעלן באַנקעס אויפֿן רוקן?

מיר דאַכט זיך אַז נאָך מער אָנגעלײגנס פֿון דער לעקטור, בעיקר דער דעמאָלטיקער פּוילישער פּאָעזיע, איז אַרײַן אין ליד וואָס הייסט „שטרײַק”, וואָס בעיני ראיתי (געשריבן 23 אָקטאָבער 1923):

מיט פֿרימאָרגן־גאָלד האָבן שינעס לאַנגע, גלאַנצנדיקע,
ציִענדיק זיך איבער שטאָט פֿון עק ביז עק,
פֿליאהדיק געקוקט, געוואַרט אויף טראַמוויי־רעדער.
גייט אַוועק אַ שעה און צוויי און דרײַ און — שאַ.
נאָר זון שפּאַצירט אויף שטאָל פֿון לאַנגע שינעס
און שינעס, סתּם נאַראָנים פּוסטע, וואַרטן.

בײַ טויערן ברוינע, שוואַרצע, אײַזן־אײַנגעשמידטע,
שטייען חבֿרה האַלב־וואָכעדיק, האַלב־יום־טובֿדיק:
זעט איר — טענהן זיי אין אויסגעגלאַנצטע שיך —
אויב מיר ווילן,
קען אויך מאָנטיק זונטיק ווערן.

אויך פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן זיך הכנעהדיק
אָנגעטאָן די בלאָע אָנגעשטויבטע אַרבעטס־הויזן:
ווייס איך, גלוסט זיך יונגע־לײַט קאַטאָוועס טרײַבן
מיט וואָס שטאַרקער איז פֿון זיי...

ברייטע, שוואַרצע שלייפֿן בײַ די דאַרע העלדזער,
ברילן גראָבע, לאַכנדיקע קעגן גאָטס אַ וועלט,
טראָגן יונגע־לײַט, אין אויסגענוצטע מענטל,
שטויסן אָן זיך עלנבויגנס,
אָט אַזוי גוט־ברודעריש:
זעסטו, דאַכט זיך גאָר אַ קלייניקייט,
פֿראַלן בריות חוזקדיק:
ווער מיר, וואָס מיר גראָבער מאַסנשוויס?
און דאָ שווײַגט און פֿילט אַ גאַנצע וועלט,
ווײַל פֿאַרעקשנט זענען שווערע הענט...

זעצט אַ נאַכט זיך איבער גרויסשטאָט,
טונקל, טאָפּ די גראָבע ווענט.
אַ פֿאַרזעעניש, אַן אומגעלומפּערטס,
וויל דורך גאַסן טראָגן פֿײַער,
צינדן גאָר אין טויבע לאָמפּן,
קומט אַ יום־טובֿדיקע בריה,
כאַפּט אים אָן בײַם קאַרק,
און גאָרנישט:
ליגט זיך אויף דער בריית פֿון טויטער גאָס
לאָמפּן־צינדערס שטרײַקן־ברעכער־פּגר.

יז

אין פֿלוג לאָזט זיך זאָגן: פֿאַר אונדזער־איינעם, וואָס איז שוין, מער ווי מיט איין פֿוס געווען אויפֿן וועג צום ברעג יפֿו אָדער חיפֿה, איז דעמאָלט דער אַרום, וואָס איז דורות־לאַנג געווען אַ פֿרעמד — געוואָרן די פֿרעמד, און ער האָט זיך דאָך געדאַרפֿט פֿרעגן: מה לי הכא, אם הכל התם: וואָס האָב איך דאָ, אויב אַלץ איז דאָרט. אָבער עס איז געווען אַ פֿלאָנטער דערבײַ — דען אַזוי לאַנג, און אַפֿילו נאָך דעם ווי דער אַנדערער פֿוס איז נאָך נישט אין גאַנצן נאָכגעשפּאַנט דעם ערשטן, האָבן זיך אַלץ נישט אָפּגעריסן די פֿאַרבינד־פֿעדעם מיט די לעצטע דורות, וואָס האָבן געגלייבט, אַז דער גלות קען ווערן אויס גלות — פֿאַר־אייערנעכטן האָט זיך געלאָזט נאָווו אויסרופֿן: די עמאַנציפּאַציע איז ערבֿ; אייערנעכטן האָט זיך געלאָזט פּאַטעטיש אויסברײַען: דער ליבעראַליזם איז ערבֿ; נעכטן האָט זיך געלאָזט סטאַטעטשנע דערקלערן: די דעמאָקראַטיע איז ערבֿ; הײַנט לאָזט זיך פּאַראַדאָקסאַל דעקלאַמירן: די רעוואָלוציע איז ערבֿ, די פּאַרטייען, אַלע פּאַרטייען, (און די וואָס האָבן גערופֿן קיין ציון, זענען געווען נישט בלויז בתוכם נאָר כמעט בראשם) האָבן צוגעפּאַסט באַזונדערע פּראָגראַמעס, און כּופֿרים, וואָס האָבן דערינען געזען אילוזאָרישע אײַנרעדענישן, זענען, ווי תּמיד, געווען הײַפֿעלעך, און די

דעמאַלטיקע שפּאַנונג צווישן זייער נאָך־דאַ און שוין־דאָרט, האָט זיי געלאָזט צאַפּלען אין אַ ווילדער ציטער־וויזיע, ווו דער פּחד פֿאַרן חורבן, וואָס האָט זיך גענומען פֿון זייער באַנעם פֿון גלות, ווי אַ גאַנג צווישן קאַטאַסטראָפֿע און קאַטאַסטראָפֿע (מיט צווישנסטאַציעס, ווו מען האָט געלאָזט אויפֿבויען די וואַנדערנדיקע צענטערן), האָט זיך זיי אויסגעקרימט, אַז עס האָט געקאָנט אויפֿקומען אַזאַ שרײַבפּראָדוקט, וואָס האָט זיך מסתּמא געהאַלטן ווי אַן אימיטאַציע פֿון ברכי נפֿשי, און איז, בעצם, זײַן קאַריקאַטור, און האָט זיך גערופֿן: „תּפֿילה צום שטורעם":

גאָט, דו פֿון באַרג־קלאָרע קוואַלן פֿאַרבלענדטער,
פֿון גלעזערנע וואַסערן באַשײַנטער,
צעטאַנצטער אין ריקוד פֿון ווינטן,
אין גראָען פֿאַרפֿלייצטן גאַס־רעגן,
נשמה פֿון דולע אָרקאַנען,
און פֿון משוגענע בערעס,
וואָס גלאַנצסט אין די וואַסערפֿאַל־אָרעמס,
און וואַלגערסט די כוואַליעס פֿון ים,
און וועבסט רעגן־בויגן־געשפּינסטן —

גאָט, דו צעווײנטער אין תּהילים־געמערמל,
דו האַרצקלאַנג פֿון יאַמבן,טראָכייען,
דו שיכּור פֿון ווײַן־קאַנצאָנעטן,
אין דניעפּרישע דזמקעס פֿאַרקלערטער,
טאַטע פֿון לידער און לעבן,
אַ רגע, אַ רגע אַ קוק טו
אויף אונדזער פֿאַרדאַרטן שלום־בית,
און שיק אונדז, די דרײַפֿאַך פֿאַרדאַרטע,
דײַנס אַ בן־יחיד, דעם דונער,
אַז אונדזערע מיד־מאַטע אויגן
פֿאַרברענט זאָלן ווערן פֿון לעבן,
געשוואָלן פֿון פֿרייד־אַפּעטיט.
מיר זאָלן אויסשפּײַען דעם שונא,
וואָס גריזשעט דײַן לעבעדיק מלכות
און האָט זיך אַ וויכן געלעגער
פֿון גענעץ און פֿוילקייט,
אין אונדזערע הערצער געמאַכט.

גאָט, רײַס אונדז אויס פֿון די קישקעס,
דעם צלם פֿון געלע פּאַפּירן,
און פֿון אַפּאָפּלעקטישע ביכער
און גיב אונדז, צעשויבערטער טאַטע,
דעם טוי אויף פֿרימאָרגן־נאַרציסן,
די רויז פֿונעם זוניקן טאָל...

און כאָטש כ׳האָב פֿאַרגעסן דײַן וועג
און בין אַ צעפֿוילטער געגאַנגען
אויף שפּינוועבס־פֿאַרפֿלאָנטערטע שטעגן —
טאָ נעם מיך נאָך אויף פֿאַר דײַן קנעכט.

כ׳ווייס אַז דײַן ליבשאַפֿט
זי גליט נישט, זי בליט נישט
פֿון בלייכן שפּיטאָלן־געוועקס;
זי גליט אין דײַן איבער׳ריקער שטאַרקייט

זי בליט אין דײַן איבער׳ריקן כּוח,
בשעת דו קלויבסט פֿולע פֿאָלעס
מיט ווינטן און שטורמען,
אונדזער שטוב צו פֿאַרגיסן,
מיט מבול פֿון חורבן...

און וועט פֿונעם מבול אָפּירגיין
אַ שטיקעלע תּבֿה
טאָ זענען דאָס דײַנע
די לעצטע פֿאַר קנעכט.

אַוודאי ברענג איך איצט דאָס ליד אין רשות־הרבים אונטערן מכּלומרשטן אויסרייד פֿון מה שהיה היה, און בין, דאַכט זיך, מחויבֿ צו דערקלערן, פֿאַר וואָס האָב איך באַנוצט דאָס וואָרט מכּלומרשט: זעכציק יאָר אין לעבן פֿון אַ יחיד זענען אַ היפּשער שפּאַן צײַט, וואָס וואַרפֿט אַ סנאָפּ אויפֿקלער אויף זיי — חטאות־נעורים, צו וועלכע איך וואָלט געקאָנט אַרײַנרעכענען די דאָ געבראַכטע תּוכחה, אָבער דער אמת איז, אַז שוין דעמאָלט, מיט זעכציק יאָר צוריק, בין איך נישט ווײַט געווען, דעם עצם צוגאַנג, טאָן פֿון דעם ליד צו באַטראַכטן ווי אַ מדרש־פּליאה. צווישן מײַן יינגליש בינטל געפֿינען זיך עטלעכע היפּער־איכישע לידער פֿון יענעם סאָרט, וואָס איז אַ מין רעצידיווער אונטערגאַנג אין דער ליריק — עס איז אַן אויסגעבורט פֿון אַ מין אַני־ואַפֿסי־עוד, וואָס שפּײַזט זיך פֿון אַן אויפֿגעפּוישטן נאַרקיזם, וואָס באַשטאַרקט זיך דערמיט, וואָס שטאָט צו זען אין אים דעם מקור פֿון זײַן אויפֿגעפּוישטקייט, שרײַבט מען אים צו אַ כּבֿיכול אָביעקטיווע סיבה, זײַן אויסערגעוויינטלעכע באַזונדערקייט, הויכווערטיקע איינצלקייט, יחידישע אויסגעווײלטקייט. בײַם ראַנד פֿון יענע לידער שטייט פֿאַרשריבן ווען איך האָב זיי געשריבן — און בעיקר ווו איך האָב זיי געשריבן, ווי אַ שטייגער: טאַרנאָפּאָל, קאָפּיטשיניץ, טשאָרט־קיוו וכדומה. אָבער די צעפֿאַרנקייט פֿון די שורות און די אותיות דערמאָנט מיך, אַז געשריבן האָבן איך זיי אין באַנוואַגאָן, בשעת דער נסיעה, אין די שטעט און שטעטלעך, אָדער פֿון זיי. און עס איז אַ גרויסע נפֿקא־מינה — דאָרט, אין די שטעט און שטעטלעך, האָב איך נישט עוסק געווען אין אַ תּורה־שבכתבֿ, ווי עס זענען לידער, נאָר אין אַ תּורה־שבעל־פּה, ווי עס זענען רעדעס און שמועסן אין לאָקאַלן און דרשות אין קלויזן פֿאַר אַן עלטערן עולם. דאָרט האָב איך בעיקר אָרגאַניזירט און באַלערנט ייִנגערע און דער צד־השווה, אַז איך האָב די און די אַקטיוויזירט אַרום איין־און־איינציקן צענטער, ציון, ווי

דעם איינציקן אַקטואַלן און אַקוטן וועג פֿאַרן כּלל און פֿאַרן פּרט, און אין דעם אַלעמען איז נישט געווען קיין שפּור פֿון די דאָזיקע און ענלעכע לידער מײַנע, נאָר דער היפּוך מהופּך. דאַכט זיך אַז דאָס לײַכטסטע וואָלט הײַנט געווען, זיך אָפּצושאָקלען מיטן באַצייכן: סכיזאָפֿרעניע. אָבער באמת איז עס געווען סײַ פּשוטער סײַ קאָמפּליצירטער. באמת האָט דאָס געהאַט צו טאָן מיט אַן אַנדערן מין רעצידיוון אונטערגאַנג אין דער ליריק, און נישט בלויז אין איר — אַ רעגרעסיע צו אַן עלטערן באַנעם, אַ פֿריִערע שטימונג, אַ געוווינטערן אויסדרוק, ווי מיר האָבן עס אין כּלערליי שטחים, בעיקר אין שאַפֿערישן תּחום, סײַ פֿון העכערן, סײַ פֿון מיטעלערן, מה־דאָך פֿון מינדערן שטאַפּל.

## יח

דאָ איז עס געווען אַ רעגרעסיע מיט אַ האַלב טוץ יאָרן צוריק — ווען ס'האָט נאָך געפֿלאַטערט די התפּעלות פֿאַר ניטשעס זאַראַטוסטראַ, פֿאַר איבסענס בראַנד (אַלץ אָדער גאָרנישט) וכדומה, און די געפֿרווירנקייט פֿון אַן עליטאַרער גאווה איז צעגאַנגען אין דער וואַרעמקייט פֿון אַן עמך־עניוות. אָבער די איבערבלײַבענישן האָבן נאָך שפּעטער געטליִעט און געפֿירט צו דעם נאָגסענס פֿון אַנדערש שרײַבן אין צוג, צווישן שטאָט און שטעטל, און אַנדערש רעדן אין זיי, און אין די הכשרה־פּונקטן אַרום זיי. מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב זיך דעריין אַרײַנגעקלערט, אין אַ ברייטערן האָריזאָנט און אויף אַ טיפֿערער באַזע, האָט מיר די דערקענטעניש פֿון דעם רעגרעסיע־פֿענאָמען געגעבן אַ וועלט צו זען. אָבער שוין אין יענע יונגע יאָרן, ווען מײַן קוקפֿעלד איז געווען שמאָלער און פֿלאַכער, האָב איך שוין ווי אָנגעטאַפּט דעם באַשייד פֿון דער צווייִשטראָזיקייט, און אויך גענומען ברענגען משלים פֿון דער ליטעראַטור, וואָס איך האָב זי איבערי און דורכגעלייענט — אַז מי לנו גדול ווי ביאַליק, וואָס זײַן „דאָס לעצטע וואָרט״ האָט נאָך אין מיר געפֿלימערט און איז נאָך געווען דער האַר פֿון מײַן פּען, שוין נאָך דעם ווי „יהי חלקי עמכם״ איז מיר געוואָרן נאָענטער און איז שוין געווען דער האַר פֿון מײַן האַרצן. נאָך מער טשערני־כאָווסקי, בײַ וועמען איך האָב מיר נישט געקענט קיין עצה טאָן מיט דער סתּירה צווישן זײַנע תּוכחות און זײַנע אידיליעס, און געפֿרעגט אַ קשיא, וואָס איך האָב זי, מיט יאָרן שפּעטער, אויסגעבויט און אויף איר באַזירט מײַן אָפּשאַץ וועגן אים — אין די תּוכחות זײַנע רעדט ער וועגן פֿאָלק ווי אַ פּעקל פּגימות, מומים, און אין די אידיליעס זײַנע רעדט זיך וועגן קאָנקרעטע ייִדן און יעדער איינער איז אַ הדר. איז ממה־נפֿשך, אָדער די דאָזיקע ייִדן זענען אויסגעטראַכט, און דערצו זענען זיי צו קאָנקרעט און באַגלויביקט אַנידערגעשטעלט, אָדער איז דאָס דאָזיקע פֿאָלק אויסגעטראַכט, און דערצו איז עס אַבסטראַקט און גענעראַליזירט אַנידערגעשטעלט; און ווער איז דאָ דער אמת, און ווו איז דאָ דער אמת, צי אין די ייִדן, ווי עס האָט זיי רעקאָנסטרויִרט זײַן זכּרון און זײַן איבערלעבעניש, צי אין פֿאָלק, וואָס עקסיסטירט כּבֿיכול אויסער די דאָזיקע קאָנקרעטע ייִדן, ווי עס האָט עס קאָנסטרויִרט זײַן פּראָגראַם, זײַן אידעאָלאָגיע?

## יט

דער ענין פֿונעם ייִנגלישן בינטל אין קאַפּיטל איז אַ קאַפּיטל אין מײַן ראָמאַן מיט מאַמע־לשון — וואָס איז געווען פֿאַר אים, וואָס איז געווען נאָך אים, געהער צו די ווײַטערע קאַפּיט־לען פֿון בוך. וואָס איך האָב לעת־עתּה נאָך צו באַמערקן איז, אַז ביזן אויפֿקום פֿון

די גאָלדענע קייט, האָב איך אַ סך געדרוקט פֿון יידיש, ווען יידיש, אָבער גאָר ווייניק אין יידיש. נישט איך האָב מיך אין דער מאַטעריע געווענדט צו אַנדערע, נישט אַנדערע האָבן זיך געווענדט צו מיר. דערפֿאַר וויל איך טאַקע דערציילן וועגן אַ יוצא־מן־הכּלל, וואָס האָט אַ שײַכות מיט מײַן ייִנגלישן בינטל — ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה, 1939, האָב איך געקריגן אַ פֿאַרבעט פֿון דיכטער דוד קעניגסבערג אין לעמבעריק, אַז היות ווי ער גייט רעדאַקטירן אַ יובֿל־נומער פֿון קראָקעווער די פּאָסט, פֿאַרבעט ער מיך דאָרט מיט מײַנס אַ ליד, אָדער לידער, אַנטייל צו נעמען. אַזוי ווי ער איז מיר געווען באַקאַנט צום האַרצן — ער האָט בײַ אונדז אין שטאָט געלערנט אין דער דײַטשער גימנאַזיע, און דאָ אָנגעהויבן שרײַבן זײַנע לידער, לרובֿ סאָנעטן, געווען אַ ליבהאָבער פֿון דער פּוילישער און אוקראַיִנישער פּאָעזיע, (ער האָט אויך איןביידע לשונות, ווי אויך דײַטש, געשריבן לידער) האָב איך פֿאַר אים געהאַט, פֿון קינדווײַז אויף, אַ וואַרעמע ליבשאַפֿט. שפּעטער מיט אים געהאַט לאַנגע שמועסן אין לעמבעריק (האָב אויך אַ מאָל באַשריבן אַזאַ שמועס, ווען ער האָט אויסגעווייניק געלייענט גאַנצע זײַטן פֿון ווערפֿלס אײַנאַנדער, כּדי מיר קלאָר צו מאַכן אין וואָס עס באַשטייט דער עקספּרעסיאָניזם און פֿאַר וואָס ער האָט פֿון אים נישט געהאַלטן, כאָטש טיף פֿאַרשטאַנען) ; ווען ער האָט זיך אומגעקערט זײַן אַ פּויער אין דאָרף און ער האָט געוואָלט עולה זײַן, האָב איך מיך אומזיסט באַמיט אים דאָס צו דערמעגלעכן און האָב נישט מצליח געווען, ווי איך האָב מיך באַמיט און נישט מצליח געווען לגבי א.־ל. שוסהיים. אוודאי האָט מיר געשמייכלט וואָס קעניגסבערג האָט מיך געדענקט, אַז איך האָב געשריבן און איך האָב אים געשיקט צוויי פֿון מײַן ייִנגליש בינטל, געשריבן 1923, און אַזוי ווי יענער יובֿל־נומער איז נישט אַרויס, האָט ער זיי אָפּגעדרוקט אין לעמבעריקער נײַער מאָרגן (23 יוני 1939). אַזוי ווי איך האָב געשאַצט קעניגסבערגס הסכּמה, פֿאַרענדיק איך מיט דעם פּאָרל לידער מײַן איצטיק קאַפּיטל :

## מאַטע טעג

פֿליסן מאַטע טעג בײַם ברעג פֿון לעבן,
אויף ווײַטע וועגן טרייסלען זיך פֿאַרשלאָפֿענע פֿורמאַנעס,
פֿאַר נאַכט פֿאַרשלעפּט זיך אַ פֿאַרבלאָנקעטער בחור,
צו אַ גרויסער, ליכטיקער קרעטשמע,
טרינקט מיט אַפּעטיט אַ שווערן טאָפּ הייסע קאַווע,
שטרעקט זיך אויס אויף אַ ברייטער דעמבענער באַנק,
און ליגט פֿאַרשטיינערט לאַנגע שעהען,
ביז דורך שמאָלע שפּאַרעס שטעקט אַרײַן רויזיקע פֿינגער
דער מאָרגן,
אַ הויכער געזאַנג פֿון אַ קרעטשמער :
הדור נאה זיו העולם...

אפֿשר וועט זיך מאַכן אַ שטילער פֿרימאָרגן,
וועלן געשוואָלענע פֿיס ממילא קריכן
איבער זוניקער מידקייט,
אָפּטרעטן, אויף קאַטאָוועס,

בײַ אַ קאָוואַל מיט שטאָלענע פּלייצעס,
און צוהעלפֿן מאַכן אַ גרויסע פּאָדקאָווע
פֿאַר אַ הויכן גוי מיט געלע קודלעס,
פֿאַר אַ נידעריק ייִדל, וואָס פֿירט אין שטעטל
פֿרישע פּוטער.

אפֿשר וועט זיך טרעפֿן אַ פֿאַריתומטער שטעג,
וואָס פֿירט צו אַ האַלב־צעפֿוילטן צלם,
וועלן זיך פֿאַרזשמורעטע אויגן חידושן:
זע נאָר, זע, ווי אַ גוי האָט אויסגעהאַקט,
אין פּראָסטע בוים,
אַזאַ ייִדישלעכן יונגערמאַנטשיק...

שפּעטער וועט דער צעוואַקלטער קאָפּ
אַ טראַכט דערלאַנגען:
אַ פּנים אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה,
ווי אויפֿכאַפּן זיך אויף אַ פּויעריש וועגעלע,
אַרײַנקײַקלען זיך אין שטעטל,
פּראַוועןן דאָרט אַן אויסגעבלייכטן שבת,
און צווישן מינחה־מעריבֿ שטיל איַינזאַפּן
דעם גרײַז־גראָען דיינס אַלטע דרשה,
איבער אַ נאָך עלטערן פּסוק:
צדיק השם בכל דרכיו...

## יתרוס טעכטער

יתרוס טעכטער, אויסגעלייגט בײַ די טשערעדעס,
וואַרטן אָפּ מיט דאָרשטיקע שעפּסן
די יונגע אַראָפּוואַלגערס פֿון ברונעמשטיינער —
אַזוי לויערט מײַן פֿאַרנאַכטיקער אומעט
אויף דײַנע שטילע טריט.

אַ שאָד וואָס כ׳האָב נישט מיטגעבראַכט
דעם זיידנס חומשל,
וואָלט איך דיר געלייענט אַ האַרציקע פּרשה,
אַ שטייגער:

ויצא — און ער איז אַרויסגעגאַנגען,
יעקבֿ — איינער וואָס האָט געהייסן יעקבֿ,
מבאר — פֿונעם ברונעם,
שבֿע — וואָס הייסט שבֿע.